A
JEWISH
CANADIAN
DAILY
Circulated
All Over
CANADA
And Abroad

The Daily Hebrew Journal

דער אידישער זשורנאל

פאליטיש
אומאפהענגיג
נאציאנאל

א צייטונג וועלכע גיט
פרייהייט פון אויסדרוק
צו אלע שיכטען.

VOLUME XVIII No 7725 | Wednesday, November 11th, 1931 | יום ד', א' כסלו, פרשה תולדות, תרצ"ב. | טאראנטא, מיטוואך, [illegible] 1931. | PRICE THREE CENTS

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
NOV 12

צווייטער טאג פון הערצ'ס פראצעס ברענגט ארויס סענ־סאציאנעלע באווייזע

דער צווייטער טאג פונ'ם הערץ פראצעס איז נעכטען אוועקגעגעבען געווארען אויף אויסהערען נאך עדות.

אברהם הערץ איז דער געוועזענער סעקרעטאר פון דער טאראנטא מיוטשועל קאאפעראטיוו קרעדיט קארפארעישאן, וועלכער ווערט איצט געמשפט אין קאונטי קרימינאל קאורט פאר ריכטער דענטאן, אויף א קלאגע פאר פעלשען טשעקס פון דער קארפארעישאן אויף דער סומע פון $3,778.75, און פאר באגנב'ענען די קאסע אויף 18 טויזענט דאלאר.

די עדות ביים צווייטען טאג פונ'ם פראצעס זענען געווען יוסף סאמערשטיין, וויצע־פרעזידענט פון דער קארפארעישאן; הערי טשענדארף; יצחק זעלדען, פרעזידענט פון דער קארפארעישאן; דייוויד ווייז, דער אקאונטענט וועלכער האט אונטערזוכט די ביכער פון דער קארפארעישאן, און מאררים אלטמאן, דער יעצטיגער סעקרעטערי־טרעזשורער.

סאמערשטיין איז געווען דער ערשטער עדות. ער האט דערצעהלט, אז ער פלעגט אונטערשרייבען ניט קיין אויסגעשריבענע טשעקס און זיי איבערגעלאזען ביי הערצ'ן אין אפיס. אפט זענען די דאזיגע טשעקס געווען דאטירט אויף שפעטערע דאטומס (פאסט־דעיטעט) אויב עס איז ניט געווען גענוג געלט אין באנק צו קענען אויסצאהלען די טשעקס. ער האט פארזיכערט, אז ער האט די דאזיגע טשעקס געחתמ'עט אויף הערצ'ס פארזיכערונג, אז דאס זענען פאר הלוואות צו מעמבערס.

דער אדוואקאט פאר דער פארטיידיגונג, ע. דזשיי, האט דערביי באמערקט, אז סאמערשטיין האט ערשט לעצטענס באנקראטירט.

טשענדארף, וועלכער איז א מעמבער פון דער קרעדיט באארד, איז אויסגעפרעגט געווארען אויפ'ן עדות־שטוהל צי ער ווייסט וועגען די זיבען אדער אכט טויזענט דאלאר וואס זעלדען, דער פרעזידענט פון דער קאמפאניע, איז שולדיג צו דער קארפארעישאן.

דערויף האט ער געענטפערט אז „ניין".

„אויב אזוי זענען די טשעקס צו די דאזיגע הויפט פיהרער „דורכגעשמוגעלט געווארען", און זענען צווישען זיך אליין גוטגעהייסען געווארען?", איז דער עדות געפרעגט געווארען.

„יא", האט ער געענטפערט.

וועגען א טשעק פון $450 וועלכער איז אויסגעמאכט געווארען אויפ'ן נאמען פון ר. סאמערשטיין, האט זיך ארויסגעוויזען אז דער עדות האט איהם קיינמאל ניט אינדארסירט, אין דער צייט ווען דער ענדארסמענט איז יא געווען.

„דא זענען א סך לינקע געשעפטען אנגעגאנגען", האט דער פארטיידיגונגס־אדוואקאט מוירפי ווידער באמערקט.

ריכטער דענטאן האט שארף געווארענט אלע עדות געגען פאלש שווערען און פאלשע עדות, זאגענדיג: „יעדער איינער וואס וועט ניט דערצעהלען דעם אמת וועט אהן פארמאליטעטען גלייך פראצעסירט ווערען".

סאמערשטיין האט אויך צוגעגעבען, אז ער האט אינדארסירט א טשעק מיט א נאמען פון א פערזאן וועלכער האט גארניט עקזיסטירט.

זעלדען ווייסט גארניט וועגען פינף טויזענט דאלאר טשעק

יצחק זעלדען האט אויפ'ן עדות־שטוהל געלייקענט אז ער ווייסט עפעס וועגען דעם $5,000 טשעק וועלכער איז אויסגעמאכט געווארען אויפ'ן נאמען פון א. קארסאן.

„איך האב קיינמאל ניט געחתמ'עט דעם טשעק", האט ער דערקלעהרט.

ער האט אויך דערקלעהרט אז ער האט לעצטענס באנקראטירט.

דער אקאונטענט, ד. ווייז, האט דערצעהלט, אז ער האט עקזאמינירט די פארשידענע ביכער פון דער קארפארעישאן, און ער האט אויסגעפונען, אז געלדער זענען אוועקגעגעבען געווארען צו אונבאקאנטע פערזאנען, און אז עס איז אפילו קיין רעקארד ניט געווען וועגען דעם. דעם 15־טען נאוועמבער 1930, האט קיין געלט ניט געפעהלט אין דער קארפארעישאן, אבער דעם 2־טען יאנואר 1931, האט שוין געפעהלט 17 און א האלב טויזענט דאלאר.

ווייז האט דערצעהלט וועגען 22 פופציג־דאלאר־בילס וועלכע זענען געלט געווארען פלוצלונג, און דער ריכטער האט געפרעגט אויב הערץ איז מיט דעם געלט אנטלאפען.

וואס אנבאלאנגט וועגען דעם טשעק אויף $5,000 אויפ'ן נאמען פון א. קארסאן, האט מאררים אלטמאן, דער סעקרעטערי־טרעזשורער, דערצעהלט, אז יצחק זעלדען האט באקומען דעם חוב פאר זיין אייגענעם געברויך, און נאך א הלואה פון $1,000 האט ער באקומען פאר זיך אויף אן אויסגעטראכטען נאמען פון ס. זעלדען.

אלטמאן האט אויך דערצעהלט, אז יוסף סאמערשטיינ'ס פרוי איז שולדיג $650, און מאררים שליטליך, סאמערשטיינ'ס שוואגער, איז שולדיג $3,000.

קאסיר פון ברויט קא. בארויבט אויף $2,300

א געוואגטע רויבעריי איז נעכטען נאכמיטאג באגאנגען געווארען אויף ספעדיינע ראוד לעבען דופאנט און קריסטי סטריטס, ווען דריי באנדיטען זענען באפאלען סטענלי דזשאנס, דער קאסיר פון דער ברעדין ברעד קא., און נאכדעם ווי זיי האבען איהם דערלאנגט מיט א שווערען אייזען איבער'ן קאפ, האבען זיי צוגענומען ביי איהם דאס רענצל מיט $2,363 — דער קאמפאניעס פעיראל — און זיי זענען אנטלאפען אין א ווארטענדיגען אויטאמאביל.

מר. דזשאנס פלעגט זיך נוהג זיין צו געהן איינמאל א וואך אין בענק אף טאראנטא, אויף דופאנט און קריסטי, און ברענגען דאס געלט אין דער קאמפאניעס אפיס אויף דייווענפארט ראוד.

טראגענדיג דאס געלט מיט זיך האט דזשאנס געוואלט פארביינגעהן די ספעדינע סאבוועי, ווען ער איז פלוצלונג באפאלען געווארען פון הינטען פון די באנדיטען וועלכע האבען איהם צושפאלטען דעם שארבען מיט א שווערען אייזען. ער האט דאך באוויזען צו ארונטערנעהמען דעם נומער פון די לייסענס פון דער קאר. דער נומער איז 2925־סי.

מיט א שווערען וואונד אין קאפ איז ער גלייך אריינגעפיהרט געווארען אינ'ם האספיטאל ווארד פון לענגלי'ס קלינינג און פרעסינג פירמע, וואו ער האט געקראגען די ערשטע באהאנדלונג. ער איז נאכדעם אפגעפיהרט געווארען אין פאלים העדקוואטערס, וואו ער האט איבערגעגעבען מיט גענויע איינצעלהייטען דעם אויסזעהן פון די דריי באנדיטען.

די פאליציי האט אויסגעדריקט איהר האפנונג, אז די באנדיטען וועלען אין גיכען געכאפט ווערען.

צווייטער אידישער בעקער שווער פארוואונדעט

ווארשע, נאוו. 10, (איטא).

אלס ראכע פאר דעם נעכטיגען בונדיסטישען מארד, האט היינט עמיצער קריטיש פארוואונדעט א צווייטען אידישען בעקער־ארבייטער, פייוועל מאנגנשטערן.

הדסה גרייט צו אפרייסען זיך פון דער אמעריקאנער ציונים. ארגאניזאציע

באשליסט דערוויל ניט צו באטייליגען זיך אין נייער אדמיניסטראציע

אטלאנטיק־סיטי, נאוו. 10 (איטא).

ביי א ספעציעלער הדסה פארזאמלונג וועלכע איז אפגעהאלטען געווארען הינטער געשלאסענע טירען און האט געדויערט איבער א שעה, איז באשלאסען געווארען צו צוריקציהען דער ה.סה'ס באטייליגונג פון מיטגלידערשאפט אין דער ניי־דערוועהלטער קאאליציע אדמיניסטראציע פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

א פארשלאג צו אפרייסען זיך אינגאנצען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און צו פארמירען א באזונדערע פרויען ארגאניזאציע אויף אן אומאפהענגיגען באזיס איז דיסקוטירט געווארען אבער ער איז צוריקגעוויזען געווארען.

די הדסה האט אויך באשלאסען צו ביישטייערען אויף ווייטער בלויז 50 סענט „העט" צו דער ציוניסטישער ארגאניזאציע פער מעמבער אנשטאט א האלבען דאלאר ביז איצט. דאס וועט בארויבען דער ציוניסטישער קאסע פון ארום 20 טויזענט דאלאר א יאהר.

עס ווערט איצט פאראויסגעזעהן, אז די הדסה וועט זיך אינגיכען אפטיילען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע טראץ דעם פאקט וואס ביי דער היינטיגער פארזאמלונג איז אנגענומען געווארען דער פארשלאג צו צוריקציהען זיך בלויז פון דער אדמיניסטראציע.

ציוניסטישע אדמיניסטראציע אפיציעל דערוועהלט

א דערשיטערענדער מאמענט ביים ציוניסטישען קאנגרעס איז היינט ארויסגעקומען ווען דער טשערמאן פון דער נאמינאציאנס קאמיטע, הערי פרידענבערגער, האט אויסגעלאזען יעקב דע־האאז'ס נאמען פון דער ליסט פון דער נייער אדמיניסטראציע, ווען ער האט פארגעליענט די נעמען צו גוטהייסען וועלכע פון דער קאנווענשאן.

ליפסקי האט דאן אפעלירט פאר דע־האאז'ן, כאטש ער איז זיינער א געגנער, און די נייע ציוניסטישע אדמיניסטראציע איז דאן אפיציעל דערוועהלט געווארען. זי באשטעהט פון ריכטער מעק עהרענפרעזידענט; ליפסקי און ראבי ווייז, עהרען וויצע־פרעזידענטען; ראבערט סזאלד, טשערמאן פון אדמיניסטראטיווען קאמיטעט, מאררים ראטענבערג און ראבי הלל סילווער, וויצע־טשערלייט פון זעלבען קאמיטעט; ריכטער לואיס, טשערמאן פון נאצ. עקזעקוטיווע; יעקב דע־האז, וויצע־טשערמאן; הערי פירסט, טרעזשורער, און לואיס ראקער פינאנץ טשערמאן.

טראץ דעם וואס די קאנווענשאן האט אפיציעל גוטגעהייסען די נייע אדמיניסטראציע, פיהלט מען אבער אז קיין אמת'ער שלום איז ניט אריינגעבראכט געווארען.

א צאהל רעזאלוציעס וועגען פארגרעסערען די נאציאנאל פאנד אקטיוויטעט: צו שאפען א קאמיטעט איבער בילדונג און פראפאגאנדע; צו העלפען די העברייאישע באוועגונג אין אמעריקע און צו פארגרעסערען די ציוניסטישע טעטיגקייט צווישען דער יוגענט, זענען אנגענומען געווארען.

ווייצמאן רעזאלוציע אנגענומען

א צווייטען מאל איז אן אנערקענונגס רעזאלוציע פאר ווייצמאנ'ען פארגעשלאגען געווארען ביי דער קאנווענשאן פון דער רעזאלוציאנס קאמיטע. בעת די ווייצמאניסטען האבען די רעזאלוציע אויפגענומען מיט א שטורמישער אוואציע וועלכע האט געדויערט איבער 10 מינוט, האבען אבער די אנטי־ווייצמאניסטען זי פארשריען.

צוליעב דעם וואס די פיהרער פון ביידע צדדים האבען זיך פריהער געאייניגט וועגען דעם, איז די רעזאלוציע אנגענומען געווארען און ראבערט סזאלד האט זי אונטערשטיצט.

די רעזאלוציע לויטעט, אז „די קאנווענשאן דריקט אויס איהר גרעסטע אנערקענונג פון דער היסטארישער דינסט וועלכע ווייצמאן האט געגעבען, און פאר זיין איבערגעבענהייט צו דער זאך. די קאנווענשאן דריקט איהם אויס א הארציגע באגריסונג פאר זיין גרייטקייט צו געבען זיין דינסט, אונטער דער נייער פיהרערשאפט פון נחום סאקאלאוו.

דער לעצטער טאג פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער קאנווענשאן איז ווידער געווען א טאג פון סענסאציעס, ווען אלע הדסה דעלעגאטינס האבען ארויסגעמארשירט פונ'ם קאנווענשאן זאל אויס פראטעסט.

מיט א טאג פריהער האט עס שוין געהאלטען ביי א ברוך אינ'ם דערגרייכטען שלום איבער א רעזאלוציע וועלכע איז פארגעשלאגען געווארען צו אנערקענען ווייצמאנ'ען, אויף וואס די בראנדייסיסטען האבען ניט געוואלט מסכים זיין. נאך דעם דאזיגען אינצידענט האט מען געפיהלט, אז דער שלום איז אויך ניט מעהר ווי אן אויסערליכער, אבער אין די אינערליכע רייען הערשט נאך דער אלטער פארדרוס.

נעלסאן רוטענבערג און עמנואל ניומאן האבען באריכטעט וועגען דער אידישען נאציאנאל פאנד, דערקלעהרענדיג, אז פאר דעם לעצטען יאהר האט דער קרן קימת אריינגענומען $444,449.

די פראטעסט האנדלונג פון די הדסה דעלעגאטינס איז ארויסגעקומען, נאכדעם ווי די נאמינאציאנס קאמיטע האט פארגעשלאגען צו דער קאנווענשאן א ליסט פון 37 קאנדידאטען וועלכע זאלען גוטגעהייסען ווערען אלס דערוועהלטע מעמבערס צו דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע.

דאס איז געווען נאכדעם ווי די קאנווענשאן האט שוין געהאלטען ביים ענדיגען זיך, און די קאאליציע אדמיניסטראציע פון 10 פארטרעטער פון ביידע צדדים איז שוין פון דער קאנווענשאן גוטגעהייסען געווארען.

דער פארשלאג פון דער נאמינאציאנס קאמיטע האט געבראכט צו בייזבלוט ווען איזראעל בראדי, אלס בראנדייסיסט, האט אטאקירט דעם ליסט אנציינענדיג אז לויט דער אמענדירטער ציוניסטישער קאנסטיטוציע וועלכע איז פון דער קאנווענשאן גוטגעהייסען געווארען מיט א טאג פריהער, קאנען בלויז דערוועהלט ווערען 32 מיטגלידער צו דער עקזעקוטיווע פון דער אמעריקאנער ציון קאנווענשאן, אנשטאט 37, צו דער נאציאנאלער עקזעקוטיווע פון דער אמעריקאנער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

ריכטער לואיס, וועלכער איז געווען טשערמאן פון דער סעסיע, האט געפסק'ענט אז בראדי איז ניט גערעכט, און אז די קאנווענשאן קאן אננעהמען דעם ליסט פון 37.

דאס האט ארויסגערופען א שרעקליכען טומעל, און ווען עס איז גענומען געווארען צום אפשטימען, איז דער „37" ליסט נידערגעשטימט געווארען מיט 233 געגען 108. דאס האט געמיינט אז 5 נעמען פונ'ם ליסט זאלען ארונטערגענומען ווערען. ריכטער לואיס האט דאן דערקלעהרט אז ער רעזיגנירט אלס איינער פון די נאמינירטע.

דאס האט פאראורזאכט אזא טומעל, אז ליפסקי, וועלכער האט איבערגענומען די „טשער" האט פארלוירען דעם קאנטראל איבער דער ארדנונג אין זאל.

ארדנונג איז שפעטער איינגעשטעלט געווארען אויפ'ן אפיעל פון די פיהרער פון ביידע צדדים, און בראדי האט דאן צוריקגעצויגען זיין פאדערונג פאר א ליסט פון 32 אנשטאט 37, און דער „37־ער ליסט" איז דאן אנגענומען געווארען.

די הדסה מעמבערס האבען דעריבער ארויסגעמארשירט פון זאל אויס פראטעסט.

יונגער רומענישער פרינץ האט חתונה מיט פראסטער אלמנה

בוקארעסט, נאוו. 10.

נאכדעם ווי אין אפיציעלע קרייזען איז היינט דעם גאנצען טאג קאטעגאריש אפגעלייקענט געווארען אז פרינץ ניקאלאס איז אנטלאפען און האט חתונה געהאט מיט דער אלמנה מאדאם דזשאנא לוסיא דעלעטעי, איז אין אוונט אפיציעל באשטעטיגט געווארען אז די חתונה איז פארגעקומען.

דער יונגער פרינץ האט די הייראט דורכגעפיהרט טראץ דער פולשטענדיגער געגנערשאפט פון זיין ברודער, דער קעניג קאראל.

אזוי גרויס איז געווען דער צארן פונ'ם קעניג אויף זיין ברודער, פאר ניט אויספאלגען זיין פאראָרדנונג, אז ער האט הייסען פארברענען אלע רעקארדס פון דער הייראטס־צערעמאניע.

מאדאם דעלעטעי איז א שעהנהייט אבער זי שטאמט ניט פון אדעליגע.

◆

אונרוהען אין וויענער אוני־ווערזיטעט אויך

וויען, נאוו. 10, (איטא).

אונרוהען קומען איצט פאר אין וויענער אוניווערזיטעט, אלס רעזולטאט פון דער פאדערונג פון די פאשיסטישע סטודענטען פאר א נומערוס קלאזוס.

די „נאציס" האבען פארנומען די אוניווערזיטעט צימערען, פארשפרייטענדיג ליפלעטס געגען אידען, אבער דער רעקטאר האט דערווייל באוויזען צו פארהיטען פון אן אויסברוך.

◆

שטעדטעל פארניכטעט אין האנדוראס

טעגוציפאלקא, האנדוראס, נאוו. 10.

דאס שטעדטעל לאמאסיא איז אינגאנצען פארניכטעט געווארען דורך א שרעקליכען שטורם, וועלכער האט ארונטערגעריסען יעדע געביידע.

מען האט מורא אז א סך מענשען זענען דערטרונקען געווארען.

א גרויסער גאסט אין טאראנטא

שלום עליכם'ס בארימטער העלד „טוביה דער מילכיגער", וועלכער האט זיך געמאכט אזא גרויסען נאמען אויף דער וועלט, קומט אין טאראנטא מאנטאג דעם 16־טען נאוועמבער, אין סטענדערד טעאטער, צום עהרען אוונט פון דעם זעהר געאכטען קינסטלער יודעל דובינסקי, און ער וועט טאקע שפילען.

איינער טויט, 15 פארוואונדעט אין אוניווערזיטעט [illegible] אין [illegible]

N Y Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK N Y

ווארשא, נאוו. 10.

סטאניסלאוו וואקלאווסקי, א קריסטליכער סטודענט איז געטויט געווארען ווען ער איז געטראפען געווארען מיט א שטיין אין קאפ און 15 אנדערע זיינען פארוואונדעט געווארען אין אנטי אידישע דעמאנסטראציעס וועלכע זיינען היינט אויסגעבראכען אין דעם ווילנער אוניווערזיטעט.

די קריסטליכע סטודענטען האבען ארויסגעטריבען די אידישע פונ'ם אויטאנאמישען אינסטיטוט און דאמאלסט האט זיך אנגעהויבען א קאמף מיט שטעקענס און שטיינער וועלכעס האט געבראכט צו די איבענדערמאהנטע רעזולטאטען.

דער אוניווערזיטעט איז געשלאסען געווארען אויף אן אומבאשטימטער צייט.

ווארשא, נאוו. 10 (איטא).

לויט באריכטען וועלכע זיינען פארעפענטליכט געווארען אין דער פוילישער פרעסע האבען אוניווערזיטעט־אונרוהען אויסגעבראכען אין ווילנא אויך.

דער רעקטאר פונ'ם אוניווערזיטעט האט אפעלירט צו סטודענטען פאר שלום רעקטאר. עס האט ניט געהאלפען.

עס איז היינט באריכטעט געווארען וועגען א צאהל פאלען וואו סטודענטען האבען בעפאלען אידישע רייזענדע אויף צוגען און סטאנציעס און זיי צושלאגען, ביים קאטאוויטשער סטיישאן האבען קראקויער סטודענטען אטאקירט אידען וועלכע האבען זיך פארטיידיגט ביז פאליציי איז אנגעקומען. עטליכע רייאטערס זיינען ארעסטירט געווארען ביים צווייטען סטיישאן.

אלע פינף ווארשאווער קאלעדזשעס איינשליסענדיג, קאמערץ און דענטאל קאלעדזשעס זיינען היינט צוגעמאכט געווארען צוליעב באנייטע אנטי־אידישע אטאקעס.

היינט איז געווען דא עטוואס רוהיגער. די פאליציי באוואכט די אומגעגנטען פון קאלעדזשעס.

די אנטיסעמיטישע סטודענטען וועלכע זיינען אין די לעצטע טעג ארעסטירט געווארען זענען היינט באפרייט געווארען און וועלען זיין אונטערן אויפזיכט פונ'ם רעקטאר.

שטאדט טאראנטא פארלאנגט פון פראווינציעלער רעגירונג 6 מיליאן פאר עפענטליכע ארבייטען

די שטאדט טאראנטא האט זיך נעכטען געווענדעט צו דער פראווינציעלער רעגירונג פון אנטעריא, אז די לעצטע זאל ביישטייערען א סומע פון איבער 6 מיליאן דאלאר פאר עפענטליכע אונטערנעהמונגען וואס די שטאדט פלאנעוועט איצט צו אנהויבען.

צווישען די דאזיגע אונטערנעהמונגען זענען פאראן: נייע געביידעס — 2 מיליאן דאלאר, און איבער 4 מיליאן דאלאר צו לענגער און ברייטער מאכען געוויסע שטאדטישע גאסען.

דער שטאדטישער וואירקס קאמישאנער, הערריס, האט אינ'ם נאמען פון דער שטאדט צוגעשיקט אן אפליקאציע צו דער פראווינציעלער רעגירונג פאר דער ביישטייערונג. לעצטען שבת האט דער מעיאר און די שטאדט באאמטע צוזאמען מיט פרעמיער הענרי דיסקוטירט דעם פראגראם וועגען עפענטליכע שטאדטישע ארבייטען.

דאס איז א טייל פון דעם פראגראם פון רעליעף ארבייטען וואס די שטאדט טאראנטא האט אין זינען צו דורכפיהרען אין פארלויף פון דעם הייניגען ווינטער.

◆

פילדערמאן פרעזידענט פון בוקארעסטער קהלה

בוקארעסט, נאוו. 10, (איטא).

ווילהעלם פילדערמאן, וועלכער איז דערוועהלט געווארען פרעזידענט פון דער בוקארעסטער קהלה, איז אויטאמאטיש געווארען פרעזידענט פון אלע רומענישע קהלות. ער איז ערוועהלט געווארען מיט א מאיאריטעט פון 50. זיבען האבען געשטימט געגען איהם און 6 האבען אינגאנצען ניט געשטימט.

◆

פייער אין א אידיש הויז

היינט פארטאג האט א פייער אויסגעבראכען אין דעם אידישען הויז אויף 118 ראבערט סטריט.

דאס פייער איז ווארשיינליך א רעזולטאט פון אן איבערגעהייצטען אויוען.

פראצעס פון קאמוניסטישע פירער געענדיגט; אורטייל דערוואַרטעט דאנערשטאג

צוליעב דעם וואס דער פראצעס פון די קאמוניסטישע פיהרער איז ניט געענדיגט געווארען ביז שפעט נעכטען אוונט, און ווייל היינט איז א יום־טוב (רימעמברענס דעי), וועט דער אורטייל אינ'ם קאמוניסטישען פראצעס ניט באקאנט ווערען פריהער ווי דאנערשטאג.

נאך פולע זיבען טעג פון אויסהערען דאס עדות־זאגען און די באווייזע אינ'ם פראצעס פון 9 קאמוניסטישע פיהרער וועלכע ווערען אנגעקלאגט פאר באלאנגען צו א ניט־געזעצליכער ארגאניזאציע און פאר באטייליגען זיך אין א סעדישאן קאנספיראציע, האט דער פראקוראר ווי אויך דער פארטיידיגונגס־ריכטער, אנגעהויבען זייערע רעדעס צו דער דזשורי. דאס איז געווען ארום פיר אזייגער פארנאכט.

ריכטער ראיט האט דאן דערקלעהרט דער דזשורי, אז ער האט מורא־דאס זיי וועלען דארפען זיצען שפעט אין דער נאכט — אן אנדייטונג אז די דזשורי־לייט וועלען נאך דארפען זיך איינינגען היינט אויף דעם ווערדיקט.

מאיק נאלינסקי, אדער ווי ער רופט זיך אויך נילמאור, 22 יאהר אלט, וועלכער איז געווען דער ארגאניזער פון דער יאנג קאמוניסט ליעג אין די אלבערטא'ר קוילען־פעלדער, איז באפרייט געווארען פון אלע קלאגען, ווען ער האט דערקלעהרט אז ער איז קיינמאל ניט געווען קיין מיטגליד פון דער קאמוניסטישער פארטיי.

טים באק, וועלכער האט אנגעפיהרט זיין אייגענע פארטיידיגונג, איז געווען דער ערשטער צו אדרעסירען די דזשורי.

מאלקאלם ברוס, געוועזענער רעדאקטאר פון דעם „ווארקער" האט אויפ'ן עדות־שטוהל נעכטען דערקלעהרט, אז קאמוניסטישע דעמאנסטראציעס זענען ארגאנזשירט געווארען בלויז פאר דעם צוועק כדי צו קריגען פובליסיטי, און כדי צו ציהען די עפענטליכע אויפמערקזאמקייט אויף די קאמוניסטישע שטרעבונגען און ציעלען.

לייקענט אז קאמוניסטען האבען געוואלט באקעמפען פאליציי

ברוס האט קאטעגאריש געלייקענט אז אויף וועלכע עס איז קאמוניסטישע פארזאמלונגען אין קאנאדע (אויסער איינמאל אין וואנקואווער) איז ווען עס איז גערעדט געווארען וועגען דעם, אז קאמוניסטען זאלען זיך פאראייניגען אין קאמף געגען דער פאליציי.

די דאזיגע דערקלעהרונג האט ער געמאכט אין זיינע ענטפערס אויף פראגען וועלכע זענען איהם געשטעלט געווארען פונ'ם פארטיידיגונגס אדוואקאט, יוה. דזש. מעקדאנאלד.

ריידענדיג וועגען די אינדוסטריעלע יוניאנס האט ברוס געלייקענט אז די ציעלען פון די „לינקע" יוניאנס זענען צו צושפליטערען די ארבייטער רייען אדער צו ברענגען צו קאמפען. ער האט דערקלעהרט, אז די אינדוסטריעלע יוניאן זוכט בלויז צו פארבעסערען די קאנדיציעס פון די ארבייטער.

אויף דער פראגע צי די קאנאדער קאמוניסטישע פארטיי זוכט צו שאפען אן אנדער רעגירונג אין קאנאדע, האט דער עדות געענטפערט „ניין!".

„ווי קענט איהר זאגען אזוי, ווען אייער קאנסטיטוציע לויטעט דאך פארקעהרט?", האט דער ריכטער געפרעגט דעם עדות.

„מיר זוכען מיט דער צייט צו שאפען א רעגירונג פון ארבייטער און פארמערס", האט ברוס געענטפערט.

אין פארלויף פון דאס דאזיגע עדות־זאגען איז א שטיק פון דער מארקסיסטישער טעאריע דורכגעלופטערט געווארען.

אונטערוועלט

שפאנענדער ראמאן פון שטענדיגען קאמף צווישען פארברעכער און געזעץ.

— פון —
מארק סארדעל
(נאכדרוקען פארבאטען)

(פארזעצונג)

— א, דאס וואלט געווען גוט, ווען ס'זאל זיין עפעס א גוטע נייעס.

— איך וואלט אויפגעהויבען די הענט צו גאט — האט מאקס געזאגט — ווען איך זאל קענען ארונטערווארפען פון זיך יענע פאסירונג.

— דאמאלסט ערשט וועט אונזער לעבען זיך אנהויבען — האט דארע געזאגט.

— יא, דארעלע, לאמיר האבען אז עס וועט זיין אזוי. ניין, עס מוז זיין אזוי! — האט מאקס פעסט געזאגט.

— גערענק, דו זאלסט מיך אפרופען אזוי שנעל ווי דו וועסט האבען באשטימטע נייעס — האט דארע געזאגט.

— אלרייט, טייערע.

מיט דעם האט זייער שמועס זיך געענדיגט.

דעם גאנצען אווענט האט מאקס זיך ניט געקענט געפינען קיין ארט. ס'איז געווען ערשט אכט דער זייגער. ער האט געהאט נאך א גאנצע שטונדע צו ווארטען. אין האטעל איז געווען שטיל און אומעטיג, און אין דרויסען איז געווען קאלט און פינסטער. אין יענעם מאמענט, ווען מאקס איז געשטאנען א פארטראכטער ביים פענסטער האט ער דערהערט טריט הינטער זיך. מאקס האט זיך אומגעדרעהט, און האט דערזעהט דעם קאנסטייבעל וואטסאן, וועלכער האט דורכדרינגליך געקוקט אויף איהם מיט זיינע שווארצע אומרוהיגע אויגען.

— ער גאר... — האט מאקס דערפיהלט ווי עפעס האט זיך א ריס געטאן אין זיין הארצען. אינסטינקטיוו האט ער געפיהלט א מורא פאר דעם דאזיגען מענשען, און דאס אומערווארטעטע באגעגענען זיך מיט איהם, האט ער אויסגעטייטשט אלס א שלעכטען סימן.

ער האט זיך אבער באהערשט און ער האט מיט א שטילער שטימע געפרעגט:

— וואס קען איך טאן פאר אייך?

ליגא האט איהם דערלאנגט דעם שליסעל פון זיין צימער.

— דא איז מיין שליסעל — האט ער געזאגט — איך פאהר אוועק אויף עטליכע טעג. דארף איך דעם שליסעל ניט האבען.

— אלרייט — האט מאקס געזאגט און האט צוגענומען דעם שליסעל.

— אויב עס וועלען זיין בריעף פאר מיר — האט ליגא ווייטער געזאגט — וועט איהר זיין אזוי גוט און זיי אריינלייגען צו מיר אין צימער.

— אלרייט — האט מאקס געזאגט.

ס'איז איהם געווען שווער צו שטעהן אויג אויף אויג מיט דעם דאזיגען מענשען. ער האט געבעטען גאט ער זאל שוין וואס גיכער אוועקגעהן, כדי ער זאל קענען ארויסגעהן צום וועלדעל, כאטש ער האט געוואוסט אז עס איז נאך פריה.

ליגא האט זיך אוועקגעדרעהט פון איהם און האט געעפענט די טיר צו דער גאס.

— א פינסטערע נאכט היינט — האט ער געזאגט.

— יא, א פינסטערע — האט מאקס געזאגט מיט אומגעדולד.

— אין אזא נאכט איז גוט צו זיצען אין הויז — האט ליגא ווידער געזאגט מיט א שמייכעל.

מאקס האט פארביסען די ליפען. וואס מיינט ער מיט דעם? מסתמא מיינט ער גאר ניט. נאר ער נעהמט גלאט צו ביי איהם די צייט. דער זייגער רוקט זיך דערוייל. מאקס איז געווען אומגעדולדיג, האט זיך איהם ארויסגעוויזען, אז עס איז שוין אודאי אפשר ניין דער זייגער.

— וועל, גוד נאיט — האט ליגא געזאגט און איז ארויס.

— גוד נאיט! — האט מאקס געזאגט און האט לייכט אפגעצויגען דעם אטעם. ענדליך איז ער פריי פון איהם.

ער האט א קוק געטאן אויפ'ן זייגער. ס'איז געווען א פערטעל צו ניין. ער וועט ארויסגעהן און וועט דערווייל לאנגזאם שפאצירען צום וועלדעל. ער האט געוואוסט, אז מר. קופער, דער האטעל אייגענטימער, געפינט זיך דא ניט ווייט, ביי א שכן. קען זיין אז ער וועט איהם באגעגענען אויפ'ן וועג.

די נאכט איז געווען פינסטער, און וואס נעהענטער מאקס איז געקומען צום וועלדעל, איז די פינסטערהייט געווארען נאך גרעסער. ער האט זיך געהאלטען אין שאטען פון די ביימער, און ניט זייענדיג געוואוינט צו א דארפישער פינסטערקייט, האט ער כמעט די הענט געטאפט דעם וועג.

א לייכטער גלימצער האט זיך דאך פארשפרייט. דאס איז געווען פון די ליכטיגע שטערען, וועלכע האבען אונטער געפינקעלט פון דעם לויטער-בלויען הימעל. ביי דעם דאזיגען שוואכען שיין האט מאקס באמערקט א געשטאלט. דאס איז דער מאן וואס ווארטאויף איהם. אבער אין א מאמענט שפעטער האט זיך איהם אויסגעדוכט, אז ער דערקענט די געשטאלט פון מר. קופער, וועלכער איז ווארשיינליך איצט געגאנגען אהיים פון א שכן. ער האט געוואלט איהם א רוף טאן ביים נאמען, אבער אין דעם מאמענט איז ער פארשוואונדען געווארען אין שאטען פון די ביימער.

מאקס איז געבליבען שטעהן אויף זיין ארט. עס איז שוין געווען ניין דער זייגער. דער מאן האט שוין געדארפט דא זיין. ער איז געשטאנען און האט זיך צוגעהערט. עס קען דאך ניט זיין, האט ער געטראכט, אז דער מאן זאל ניט קומען. אפשר האט ער אביסעל פארשפעטיגט. אפשר קען ער ניט אזוי לייכט געפינען דעם וועג אין דער פינסטער. מסתמא וועט ער זיך באלד באווייזען.

ווי לאנג ער איז געשטאנען אויף דעם איינעם ארט, האט מאקס ניט געוואוסט, אבער ער איז מיט אמאל אויפגעטרייסעלט געווארען, ווען פון דעם וועלדעל האט זיך דערהערט א הליכיגער שאס פון א רעוואלווער. דערנאך האט זיך דערהערט א געשריי און אזוי ווי א פאל פון א שווערען, מענשליכען קערפער. דאן האט זיך דערהערט א צווייטער שאס און א לויפען פון שנעלע, לייכטע פיס, און דאס ברעכען זיך פון דינע צווייגען אונטער די פיס פון דעם לויפענדען מענשען.

אויף דעם ערשטען אויגענבליק איז מאקס געבליבען שטעהן אזוי ווי פארשטארט פון שרעק און זיינע אויגען האבען זיך אנגעפילט מיט בלוט. ער האט ניט געקענט באגרייפען וואס אזוינס איז דא געשעהן, וואו ער געפינט זיך דא, און צי די שיסעריי האט עפעס צו טאן מיט איהם. אבער אין א מאמענט ארום האט ער זיך מיט אמאל געלאזט לויפען אין יענער ריכטונג, פון וואנען דאס שיסען איז געקומען, כאטש ער האט ניט געוואוסט נאך וואס ער לויפט אהין.

ער איז געלאפען אהן אן אטעם, פאלענדיג איבער צווייגען און אנשלאגענדיג זיך אן די ביימער. ער האט געפיהלט ווי דער ארבעל פון זיין ראק האט זיך פארטשעפעט אן א צווייג און האט זיך צוריסען. ער האט געפיהלט ווי א דינער צווייג האט איהם א דראפ געטאן דאס פנים און עטליכע טראפענס בלוט האבען זיך אריינגעגליטשט צו איהם אין מויל. ער האט אבער די אלע קליינינקייטען ניט געשיינקט קיין שום אויפמערקזאמקייט און איז ווייטער געלאפען. ביז ער איז צוגעקומען צום פלאץ. וואו ער האט דערזעהן דעם קערפער פון א מאן, ליגענדיג צונויפגעדרעהט אין דרייען, אין א טייך בלוט.

— מיין גאט! דער מאן איז געשאסען! — האט ער אויסגערופען ניט מיט זיין קול און האט זיך ארונטערגעלאזט אויף די קניה לעבען דעם קערפער. ער האט אנגענומען דעם מאן ביי די אקסלען און האט זיך איינגעשמירט די הענט אין דעם בלוט פון דעם דערשאסענעם. ער האט א דרעה געטאן יענעם'ס קאפ צו זיך און האט ארויסגעלאזט א פארצווייפעלטען געשריי:

— מיין גאט, דאס איז דאך מר. קופער!

ער איז געווען פארצווייפעלט און האט ניט געוואוסט וואס פריהער צו טאן. ער האט געפרובט אופרייסען ביי דעם דערשאסענעם דאס מויל. אבער עס איז איהם ניט געלונגען. דאן איז איהם דורכגעלאפען א געדאנק, אז ער מוז רופען הילף. אפשר איז מר. קופער נאך ניט טויט, אפשר קען מען איהם נאך ראטעווען. ער האט זיך שנעל אויפגעהויבען און האט זיך געלאזט לויפען צוריק, אין דער ריכטונג צום האטעל. אבער מיט אמאל האבען עטליכע מענשען איהם פארשטעלט דעם וועג.

(ווייטערעס קומט)

קול מבשר
מבשר ואומר!

איהר לאכט:

מיר האבען זיך אביסעל פארשפעטיגט מיט'ן קלאפען. אבער, פריינט און קאסטימער, איהר האט זיך אויך אביסעל פארשפעטיגט מיט ארדערען אייער סוט און אווערקאוט. נאר עס מאכט נישט אויס. מיר מאכען יעצט סוטס און אווערקאוטס, קאט און הענד מעיד טרימד פון $15.00 און העכער. מיט אונזער ווארע פון $25.00 און העכער. יעדער סוט און קאוט מיט $10.00 ווייניגער פון זיין ווערט. בעסטע ארבייט גאראנטירט. מיר פארקויפען אויך סוט לענגטס און קאוט לענגטס ביליגער ווי אין האלסייל. אויך טרימינגס. אויך צושניידען.

מיר מיינען ביזנעס

אייער פריינט
צוויקעל
606 דאנדעס סטריט, וועסט

זיין ווערט
וועגט פיל איבער...
זיין קאסט!

בלויז עטליכע סענט א טאג. דאס אליין קאסט אייך א טעלעפאן אין אייער הויז. און דאך טאפעלט עס לייכט אייערע מעגליכקייטען פאר געזעלשאפטליכער און ביזנעס טעטיגקייט.

עס דערנעהענטערט אייך מאמענטאל צו פריינט, און געשעפטס פארבונדענע פיער און צוואנציג שעה אין מעת לעת. איהר קענט רעדען צו לאנדאן, אדער אבערדין, אדער קייפטאון כמעט אזוי לייכט, ווי צו אייערע פריינט איבער'ן גאס. אייער גאנצע הויז באדינונג — לאנדרי — מילכמאן — גראסער — אייזענגעשעפט — דעפארטמענט סטאר — געפינען זיך צום האנט. אין פאל פון פלוצלונדיגער קראנקהייט קענט איהר באלד רופען דעם דאקטאר.

דער טעלעפאן איז נישט קיין לוקסוס. עס איז א נויטווענדיגקייט. ווייל קיין מענש קען נישט זיין ווירקליך טעטיג, קיין פאמיליע פארזיכערט, קיין הויז אויסגעשטאט אהן איהם.

פרעגט אן דעם לאקאלען אפיס פאר פולע דעטאלען פון הויז טעלעפאן קאסטען.

THE BELL TELEPHONE COMPANY OF CANADA
LOCAL LONG DISTANCE TELEPHONE

W. J. CAIRN
מענעדזשער.

אלערליי מענער טרי-מינגס און וואולענס

סוטס און אווערקאוט ווארעס צו ביליגע פרייזען. עס איז די מעקס עטין טרימינג סטאר ווי געוועזע אלע מאל, דענקט נישט אז עס איז בלויז פאר ווי איהר זעהט עס אין פענסטער. דער אמת איז, אז דאס איז די זעלבע טרימינג סטאר ווי געווען.

382 ספעדיינע עוו.

8157-11-29)

אקאונטענט-בוקקיפער

12 יאהר עקספיריענסד, וועט פיהרען אייערע ביכער טייל-צייט, אדער אודיטען זיי. פרייזען פון 5 דאלאר מאנאטליך און העכער.

א. א. נאלדענבערג
75 האמוואוד דרייוו
הילקרעסט W 7504.

חפצ׳ם
שפייז פעקלאך קיין רוסלאנד

דעליווערט ווי פריהער אן דיוטי. 100% גאראנטירט

די באריכטען וועגען אפשטעלען דאס שיקען פעקלאך איז ניט ריכטיג. אויסוואל פון פרישע שפייז, אויך זייף. פעקלאך צוגעשטעלט אין 25 טעג. אן אונטערשריפט פאר יעדען פעקעל. מיר שיקען אויך דאלארס און טארגסין ארדערס קיין רוסלאנד. טעלעגראפיש בלויז 25 סענט.

חפצ׳ם שיפס קאנטאר
DOMINION TICKET OFFICE
143 קווין סטריט וועסט
עדעלייד 5971

שיפסקארטען — געלט שיקען — סיטיזען פייפערס — מארטגיידזשעס אינשורענס.

ראבקינ׳ס
פארסעל אידזשענסי

וועלכער האט דירעקטע פארבינדונגען מיט רוסלאנד שיקט

שפייז פעקלאך קיין רוסלאנד
פריי אהן דיוטי

100 פראצענט גאראנטיע, שנעלע צושטעלונג אין ארדנונג, נייער אויסוואל פון עסען זאכען און זייף. די ביליגסטע פרייזען אין קאנאדע.

לאזט וויסען דאס פובליקום, אז ער מופט ווידער זיין אפיס, 309 ספעדיינע פון 1-טען נאוועמבער אין זיין וואוינונג:

172 פאלמערסטאן עוו.
קארנער דאנדעס סטריט.
טעלעפאן טריניטי 5959

ארדערס ווערען אנגענומען אלע טעג טעג אין וואך. אלע צייטען.

געלט געשיקט שנעל און זיכער

פיינטינג און דעקארייטינג

קוואליטעט סערוויס, רומס פענעלד מיט קאליר בלענדינג טיפאני און סטיפלינג בעוועגליכעם. מעסיגע פרייזען.

ה. האלאנד
747 באטהורסט סטריט
טעלעפאן מעלראוז 1251.

פייפערהענגינג און פיינטינג

פאר בעסערע ארבייט אין פיינטינג און דעקארייטינג, ביליגסטע פרייזען, בעסטע צופרידענהייט, — טעלעפאנירט שארפ און קא. טריניטי 2759.

8068-11-12)

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדאו קלינינג קאמפאני

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז פעקטארי אפיס און סטאר קלינינג בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך, און יעהרליך. 422 ביי סטריט. טעלעפאן עדלייד 8087 נאך 7 אווענטען טריניטי M 6520

NEW YORK WINDOW CLEANING CO
422 BAY ST

דער נייער אדרעס פון דעם
באוואוסטען מוהל
הרב רבי חיים מאיר
צימערמאן
50 מיידזשאר סטריט
טעלעפאן קינגסדייל 4955.

פלאמבינג

הייסע וואסער און סטים דזשאבס אינסטאלירט, אויך אלערליי רעפייר ארבייט. בוילערס באדעקט מיט אסבעסטאס. עסטימייטס געגעבען פריי. מעסיגע פרייזען.

מר. טשערי
טעלעפאן לאמבארד 4222
1046 בלור סטריט וועסט.

צו פאררענטען

צו פאררענטען א סטייבעל און אן ארבייט שאפ, פאסיג פאר קארפענטערינג אדער באדי מאכער, אדער פרוכט ווערהויז. 44 גראוו עוו. וועסט פון אסינגטאן, נעבען דאנדעס.
8172-11-12)

צו פאררענטען 5 רומס דאונסטערז, ביליג רענט. גלייך אריינצומופען. 159 וואולסלי סטריט.
8167-11-11)

צו פאררענטען א שעהנע פוירנישד רום פאר א קאפעל אדער 2 מענשען. קאלעדזש נעבען קראפארד. טעלעפאן טריניטי M 7208.
8166-11-11)

צו פאררענטען א הויז 276 מארקהאם סטריט נעבען קאלעדזש, 7 גרויסע רומס, אלע קאנוויניענס, הארדוואוד פלארס, גרויסע ווארענדע, גאראדזש. פרעגען מר. גאלדענבערג, 98 קווין סטריט וועסט.
8173-11-15)

צו פאררענטען אן איינגעטרייטען רענס שאפ, אלע קאנוויניענס, בריק בילדינג אין סענטער פון שטאדט, 6 האגערמאן סטריט. פרעגען זאבערמאן, 129 באלדווין סטריט. טריניטי 8307.
8192-11-15)

צו פארקויפען א סינגער עלעקטריק מאשין, פאסיג פאר קאוטס אדער דרעסעס. אויך אן עלעקטריק פאר מאשין, ביליג. מ. לאנדסמאן, 414 דאנדעס סט. וועסט.
8120)

אלעקסאנדרא פארק אפארטמענטס, 185 גרענדזש עוו. צו פאררענטען. איין אפארטמענט פון 4 רומס, הייסע וואסער באהייצונג א גאנץ יאהר. מעסיגע רענט. פרעגען ביים דזשעניטאר.
81899-11-15)

צו פאררענטען א פלעט פון 3 גרויסע שעהנע רומס, הארדוואוד פלארס, ניי דעקארירט, א סאן רום, סינק אין קיטשען, גלייך אריינצומופען. פרעגען 324 מארקהאם סטריט.
8194-11-11-13-15)

צו פאררענטען 1 אדער 2 פוירנישד רומס אין א נייער מאדערנער הויז, היל דיסטריקט. הילקרעסט J 3489.
8195-11-12)

צו פאררענטען פאר $40 531 קאלעדזש סטריט, אפארטמענט פון 6 רומס, אלע קאנוויניענס. טעלעפאנירט אייגענטימער עדעלייד 3138.
619-11-17)

צו פאררענטען א הויז פון 7 רומס. 567 דאנדעס סטריט וועסט. פרעגען 8 באלדווין סטריט טריניטי W 1111.
8188-11-13)

קארנער בעווערלי און גרענדזש. אפארטמענטס 1 פון 5 רומס און 1 פון 4 רומס. ביליג רענט. פרעגען ביים דזשעניטאר.
8185-11-12)

צו פאררענטען א פלעט פון 3 רומס מיט א סאן רום ,גאראדזש אויב נויטיג. גלייך אריינצומופען. 265 גרייס סט.
8180-11-12)

צו פאררענטען 1 אדער 2 רומס, פוירנישט אדער נישט פוירנישט, גאראדזש אויך נויטיג. 359 פאלמערסטאן בולווארד טריניטי J 7753.
8181-11-12)

צו פאררענטען א 3 רומיגע פלעט. אלע מאדערנע קאנוויניענס, הארדוואוד פלארס, בליינדס, פיקסטשורס סינק אין קיטשען, 200 בראנזוויק עוו. טריניטי 5813.
8183)

צו פאררענטען א סאליד בריק הויז, 7 רומס, הארדוואוד פלארס, פרענטש טירען, מיט אלע קאנוויניענס. 7 לענארד עווניו.
8184)

צו פאררענטען אן אפסטערז דופלעקס 5 רומס, הארדוואוד פלארס, עלעקטריק לייטס ,היטינג, בליינדס, פיקסטשורס. $35 א מאנאט. 130 קראפארד סטריט.
8177-11-11-13)

צו פארקויפען

צו פארקויפען א היי קלעס סיגאר און סטיישאנערי סטאר. 159 קינג סטריט וועסט.
8174-11-11)

א גרויסער בארגיין. צו פארקויפען פאר 4 טויזענט דאלאר 7 רומיגע הויז, פאלמערסטאן עוו. הארדוואוד פלארס, פרענטש טירען. פרעגען 832 דאנדעס סט. וועסט.
8193)

צו פארקויפען פאר 42 הונדערט דאלאר, 276 מאנטראוז עוו. סאליד בריק 6 רומס, אלע קאנוויניענס, הארדוואוד פלארס, בריק פייער פלאץ, לייכטע טערמס. פרעגען לאיער הערליק, טעל. עדעלייד 3138.
618-11-17)

מר. קלאוז פון מושב זקנים האט געפונען א פאונטיין פען. דער וואס האט פארלוירען זאל זיך ווענדען צו מר. קלאוז אין מושב זקנים.

פארלאנגט

מיר מופען פאר $1.25 א שטונדע מיט 2 פאראנטווארטליכע לייטע. טעל. טריניטי F 2317.
8118-11-8-10-12)

די חברה ש"ס דפה טאראנטא, פארלאנגט צו קויפען א פעלד פאר א בית עולם. זיך ווענדען פערזענליך צו ר' משה ראזענצוויג, 124 עליזאבעט סטריט, אדער צו ר' דוד הענדלער, 9 באלדווין סטריט.
613-11-12)

פארלאנגט אן עקספיריענסד קלאוק דעזיינער. פרעגען סענטראל קלאוק קאמ. 34 דאנקען סטריט.
615-11-11)

א דייטשער מאן און פרוי זוכען ארבייט אלס הויז-קיפערין און קערטייקער פאר 30 דאלאר א מאנאט 36 קעמעראן סטריט.
8164-11-12)

פארלאנגט אלערליי הינטלאך. בעסטע פרייזען געצאהלט. טעלעפאן טריניטי J 3155.
608-11-8-11-13)

יונגע פרוי זוכט אלערליי הויז ארבייט, אדער אין א רעסטאראן, קען גוט קאכען. טעלעפאן טריניטי W 9427.
8190

פרוי זוכט אלערליי הויז ארבייט, 1 ראסס סטריט, טריניטי 6849, מרס. קאפלאן.
8186-11-12)

ווער עס פאהרט קיין מאנטרעאל מיט א טראק אדער אויטאמאביל און וויל מיטנעהמען א מאן מיט א פרוי, זאל זיך מעלדען אין 37 קענזינגטאן עוו.
8182)

יונגע דייטשע פרוי זוכט אלערליי הויז ארבייט, 22 לארטש סטריט נעבען ספעדיינע און דאנדעס.
8178)

יונגע דייטשע מיידעל זוכט הויז ארבייט, ביים טאג אדער וואך. טעלעפאן טריניטי 6448.
8170)

קארפענטער, קען אלערליי ארבייט, מאכט א גוטען דזשאב. קען ריפיירען און מאכען נייע ארבייט. טריניטי W 6456.
8191)

פארלאנגט א צימער

פארלאנגט א שעהנעם צימער ביי א שטילער פאמיליע אהן קליינע קינדער, מיט אלע באקוועמליכקייטען אויף בראנזוויק נעבען קאלעדזש, אדער ארום. שרייבען "זשורנאל" באקס 671.
***)

פארלאנגט

פארלאנגט א סעקרעטאר אין פאלקס פאראיין. מוז זיין א קאמפעטענטער מענש. מוז אויך האבען רעפערענס, און אנגעבען דערפאהרונג און געהאלט פארלאנגט.

אפליקאציעס דארפען אריינגעשיקט ווערען צום פאלקס פאראיין, 23 סיסעל סטריט.

אויך פארלאנגט צוויי קאלעקטארס, צו קאלעקטען טעגליך פאר'ן פאלקס פאראיין. מוזען האבען רעפערענס און זיין קאמפעטענט.

אפליקאציעס דארפען אריינגעשיקט ווערען צום פאלקס פאראיין, 23 סיסעל סטריט.

חזן ב. וולאדאווסקי



היגיעניש געשולטער סוירדזשען
מוהל
— אויך —
מאדערנער מסדר קדושין
סירוויסעס אין ענגליש

עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט, ווייל דאס איז דער בענעפיט פון זייערע קינדער

קאנטרי לייט קענען מיך אויך רופען צו זייערע שמחות. איך וועל קיינעם ניט ענטזאגען צו קומען.

וואוינונג 62 בראנזוויק עוועניו.
טעלעפאן קינגסדייל 8832.
פרייזע אומזיסט

נייעס ביי אונז אין שטאדט

שליסען סטארס און שעפער היינט נישט געצוואונגען

צום ערשטען מאל ווערט אין קאנאדע היינט געפייערט דער יארצייט פון דער מלחמה ענדע "רימעמברענס דעי", באזונדער פון טעקס-גיווינג" און דער סטאטוס פון דעם טאג איז פאר פיעלע ניט קלאר.

אין בריטיש קאלאמביא און אין סאסקאטשעוואן האט די רעגיערונג געווארענט אלע שעפער און סטארס, אז זיי וועלען צוגעצויגען ווערען צו געריכטליכער פאראנטווארטליכקייט פאר זיין אפען דעם טאג.

קוירנעל פרייס, אטוירני דזשענעראל פון אנטעריא האט נעכטען דערקלעהרט, אז מען קען ניט פארפאלגען קיינעם פאר האלטען אפען זיין סטאר אדער שאפ אדער פאר ארבייטען אום רימעמברענס דעי.

א צאהל גרעסערע סטארס און שעפער, בענק און אלע עפענטליכע אינסטיטוציעס וועלען אבער היינט זיין פארמאכט.

סטארס פון שפייז און אנדערע נויטיגע ארטיקלען ווערט פארשטאנען, וועלען זיין אפען.

א חד גדיא מעשה ביים ארעסטירען א בעטלער

א מאונטעד פאליסמאן האט באגעגנט אויף קווין סטריט און יוניווערסיטי א מאן, און ער האט איהם חושד געווען אז ער בעטעלט. איז ער אראפגעקראכען פון פערד און צוגאנגען צו איהם.

דער מאן, דעניעל קאנעלי, פון מיקאל סטריט האט זיך געווארפען אויפ'ן פאליסמאן, און האט איהם דערלאנגט אין באק.

איז געקומען ראבערט ראס, פון 38 עמפרעס קרעסענט און האט זיך אנגענומען פאר'ן פאליסמאן, וואס האט זיך געקאטשעט אויף דער ערד מיט אקנעלין.

איז געקומען קענעט סמיט פון אסינגטאן עוועניו און האט זיך געווארפען אויף ראסען און איהם אנגעבראכען די ביינער, הלמאי ער טשעפעט קאנעלין, וואס שלאגט דעם פאליסמאן, וואס וויל ארעסטירען.

איז געקומען נאך א פאליסמאן און עטליכע פארבייגעהער און האבען די שלעגער צונומען.

קאנעלי איז ארעסטירט געווארען אויף א קלאגע פון וועגרענסי און שלאגען א פאליסמאן. סמיט איז ארעסטירט געווארען פאר שטערען א פאליסמאן און פאר אנגריף אויף ראס'ן.

ראס האט געקראגען א קאמפלימענט און קלעפ פאר אננעהמען זיך דעם פאליסמאנס קריוודע.

עקזאמענירט סטודענטען קעשענעס

סי. מעקענזי פולטאן, א סטודענט אויפ'ן ערשטען יאהר מעדיצין, האט געמאלדען פאליציי, אז ווען ער איז געווען פארנומען אין דער אוניווערזיטעטס קליניק און מעדיקאל בילדינג, האט עמיצער דערוויל אויסגעשטודירט זיינע מאנטעל קעשענעס און ארויסגענומען 105 דאלער אין באנק קופאנעס און 6 דאלער קעש.

אז א דאקטאר זאל האבען געמאכט די אפעראציע האט ער זיכער ניט חושד געווען.

נעכטען איז א יונגער סטודענט אויך אויפ'ן ערשטען יאהר מעדיצין, גיקומען מיט די קופאנעס אין באנק אף בלור און יאנג סטריט און האט די קופאנעס געוואלט קעשען. ער איז ארעסטירט געווארען, כאטש ער טענה'ט, אז ער האט זיי ניט געגנב'עט, נאר איינער, א הער, האט זיי איהם געגעבען.

היזק פון אויסלעשען גרעסער ווי פון ברענען

קיינער איז דאן אין דער געביידע נישט געווען. און די סיבה פון דעם פייער איז דערוויל א סוד. דער היזק פון פייער און פון וואסער באטרעפט צוויי טויזענט דאלאר.

דריי שטונדען האבען די פייערלעשער שווער געהארעוועט אפצושטעלען דעם פייער אויפ'ן דריטען שטאק פון דעם קראון לייף בילדינג אויף קאלבארן סט., ביז זיי האבען איהם געבראכט אונטער קאנטראל.

אלץ וואס האט זיך געפונען אויף די אונטערשטע צוויי שטאק איז פארדעקט געווארען, עס זאל נישט פארנעצט ווערען. אבער אזוי ווי די וואסער רעהרען האט מען, געצויגען דורך דער געביידע, האט דער וואסער פארט אנגעמאכט מעהר שאדען ווי דאס פייער.

ווען א קאר כאפט זיך אויף פון שלאף צו פריה

סעם רייט, פון גלוסעסטער סטריט, האט א קאר, איז זי איינגעשלאפען, און קיין סטארטען און קרענקען העלפט נישט, האט א פארבייפאהרער איהם א טובה געטאן און איהם צוגעשטופט אביסעל. רייט האט זיך אבער נישט געריכט, אז זיין קאר זאל אזוי שנעל לעבעדיג ווערען, און ווען זי איז זיך פאנאנדערגעלאפען, האט ער איהר נאך נישט געהאט אין האנט.

איז די קאר ארויפגעלאפען אויפ'ן טראטואר און איבערגעקערט מאנטי סטייסי א פארבייגעהער.

מאנטי סטייסי האט צובראכען זיין נאז. די קאר איז אריינגעפאהרען אין א טעלעפאן סלופ, און רייט איז ארעסטירט געווארען פאר אונפארזיכטיגען טרייבען זיין קאר.

פון אנצינדען דעם אויווען מיט אויל

פרעד נארבער, פון 460 ליפינקאט סטריט, האט געפרואווט אנצינדען דעם סטאוו מיט אויל. אין וועסטערן האספיטאל האט מען באהאנדעלט זיינע בראנד-וואונדען אויף די הענט און פנים, וואס ער האט דערביי געקראגען.

עס ברענט אונטער די בעטען

א קליינער אבער אינטערעסאנטער פייער איז אויסגעלאשען געווארען שנעל אויף 23 היילערי עוועניו אין יארק טאונשיפ, און האט געבראכט צו דעם, אז דער יארק טאונשיפ טשיעף אף פאליס זאל בעטען דעם טאראנטאר פייער קאמישאנער ,ער זאל זיך מיט'ן פייער פאראינטערעסירען.

דער היזק האט באטראפען איינגאנצען א הונדערט דאלאר, און קיין קשיות וועגען דעם איז נישטא וואס צו מאכען.

וואס פאראינטערעסירטע ווילען וויסען, איז: ווי קומט א פייער זיך אנהויבען אין דער זעלבער צייט אונטער צוויי באזונדערע בעטען אין דער זעלבער געביידע.

געכאפט א גנב

ריעד גארנער, פון דזשארדזש סטריט, איז ארעסטירט געווארען ביי זיין אריינגעהן אין אן אפארטמענט אויף שערבורן סטריט. ביים ארעסטירען איהם האט מען געפונען אויף איהם צירונג און קליידער, וואס ער זאל האבען ארויסגע'גנב'עט פון פארשיידענע וואוינונגען.

ער איז אנגעקלאגט אין דריי גנבות, אין וועלכע ער האט צוגענומען פון וואוינונגען קליידער, זייגערס און אנדערע ארטיקלען.

די פאליציי זאגט, אז די יארק טאונשיפ פאליציי זוכט איהם אויך .אויף עהנליכע קלאגען.

פינף פארשאטען אין קוויבעקער שטעדטעל

טרי ריווערס, קוויבעק, נאוועמבער, 10.

פינף פערזאן זיינען נעכטען פארשאטען געווארען צום טויט אונטער 25 פוס ערד ביים אויסגראבען דעם פונדאמענט פאר פארט געביידע ביים סט. פראנסוא טייך

געשעהן איז דער אומגליק מיט פינף מינוט איידער די ארבייטער האבען געזאלט ענדיגען זייער טאג ארבייט. היינט נאכמיטאג זיינען זייערע קערפערס אויסגעגראבען געווארען.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע ערב א חורבן?

(פארזעצונג פון פיירזש 4)

ביי אונז געקלאפט אין די טירען און געפונען זיי פארשלאסען.

רעדט מען מיט די וואס ארבייטען צווישען דער יוגענט און זיי וועלען אייך דערצעהלען ווי אזוי די יוגענט רייסט זיך מיט א ברען צו אידישער טעטיגקייט און געהערט די האפנונג, די אמביציע צו קענען נעהמען אן אנטייל אין אידישער פאראנטווארטליכקייט און פיהרערשאפט.

עס איז זיכער אונזער שולד וואס אונזער ארגאניזאציע, די ציוניסטישע, איז אזוי פארעלטערט איז אין די לעצטע יאהרען ניט אפגעפרישט געווארען מיט יוגענטליכע בלוט-שטראמען. עס איז ווידער א פראגע פון ארגאניזאציע און מעטאדע: מיר האבען "יאנג יהודה", וועלכע האט צו איין צייט גאר פיעל פארשפראכען. לעצטענס איז די טעטיגקייט אביסעל אפגעשוואכט געווארען. אבער עס איז נאך אלץ דארט דא א געזונטער קרן, אויף וועלכען מען קען בויען. עס איז אבער נויטיג אז "יאנג יהודה" און די אלע אנדערע יוגענט ארגאניזאציעס זאלען ניט בלייבען שטעהן אין דרויסען פון דער ציוניסטישער באוועגונג, נאר זאלען זיך צונויפגיסען מיט דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע. "יאנג יהודה" דארף זיין דער רעזערוואואר וואס שפייזט מיט כחות יאהר איין יאהר אוים די ציוניסטישע ארגאניזאציע. עס דארף זיין א צייט ווען א יוגענט פאראיין געהט ארויס פון זיין יוגענט-פאזע און ווערט א קלוב, א באשטאנד-טייל פון דער אלגעמיינער באוועגונג.

עס איז אויך דא די פראגע פון העברייאיש און העברייאיזאציע. ארץ ישראל איז שוין א צענטער פון לעבען א שטארקער העברייאישער ליטעראטור. ארץ ישראל מיט איהר קליינעם ישוב קויפט היינט מעהר ביכער אין העברייאיש ווי דער גאנצער גלות מיט זיינע 17 מיליאן אידען אין איינעם. ארץ ישראל האט וויכטיגע אינסטיטוציעס וועלכע קענען זיין א קוואל פון קראפט פאר דעם חוץ לארץ. מיר האבען דארט גימנאזיעס, רעאל שולען, טעכניקום און אן אוניווערזיטעט, וואס וואלטען מיט פארגעניגען אויפגענומען טויזענטער פון אונזערע יונגע לייט, וועלכע וואלטען שאפענדיג פאר זיך קאריערעס אויך געקענט דערוויל אין זיך איינזאפען אידישען גייסט, אידישע קולטור און אידישע אינספיראציע. עס איז ניט די שולד פון די אינסטיטוציעס וואס זיי זענען באשרענקט אן זייער געברויך, נאר אויף דעם קליינעם ישוב. עס איז אונזער שולד וואס מיר האבען ניט אריינגעווארפען די בריק וואס זאל פארבינדען דעם גלות מיט דעם נייעם ארץ ישראל. דעם בריק מוזען בויען די ציוניסטען. זיי דארפען וועניגסטענס זיין די אינזשינערען, הגם דאס מאטעריאל און די מענשען וועט זיכער צושטעלען דאס גרויסע אידישע פאלק. מיר מוזען אויך מעהר טאן פאר אונזער קולטור אין דעם לאנד אליין. עס איז לייכט זיך צו באקלאגען אויף דער יוגענט ווארום זי פארשטעהט אונז ניט. ווען באמת זענען מיר שולדיג דערפאר וואס מיר באשאפען ניט קיין אידישע אטמאספערע אין וועלכער זי זאל זיך קענען אויסלעבען און רייף ווערען פאר עכטער אידישער טעטיגקייט. בקיצור ,עס פעהלט ניט קיין ארבייט און עס פעהלען ניט קיין מעגליכקייטען. און אויב עס איז אמת אז די לעצטע צוויי יאהר האבען אונז אנגעוויזען, אז אויך ענגלאנד'ס ווארט איז ניט שטענדיג א גאראנטיע פאר דער פארווירקליכונג פון אונזערע אידעאלען. דאמאלסט איז דאך געווים נאך נויטיגער צו דערציהען דאס פאלק אז ער זאל בויען אויף אייגענע כחות און זיך ניט אפשרעקען פאר קיינע שטערונגען און שטרויכלונגען. מיר מוזען, הייסט עס, לערנען דאס פאלק אז אין צענטער פון דער פארווירקליכונג פון זיין אידעאל בלייבט ער שטעהן אלס דער הויפט פאקטאר.

מיט די אלע זאכען דארף זיך די קאנווענשאן פארנעהמען. עס וועט ניט זיין קיין שוועריגקייט צו קריגען די צושטימונג פון די דעלעגאטען פאר די דאזיגע ארבייטען. מיט צושטימונג קען מען אבער ניט בויען. עס מוזען אויך זיין פלענער, מוזען אויך זיין די ריכטיגע מענשען אויף די ריכטיגע פלעצער. עס מוז אויך זיין דער מוטה דורכצושלאגען זיך נייע וועגען, ניט מורא צו האבען פאר ברעכען מיט אלטע מעטאדען און אננעהמען נייע. עס וויל זיך האפען, אז די קאנווענשאן וועט שטעהן פאר דער הויך און אז די פיהרערשאפט וועט אהין קומען ניט מיט ליידיגע הענט, נאר וועט ברענגען די ריכטיגע פלענער און לאזונגען, וועלכע וועלען פאר דער באוועגונג עפענען דעם דרך המלך, דעם וועג צום הארץ פון פאלק פאר זיין איבערבוי און אויפבוי, פאר זיין באנייאונג און אויפשוואונג.

די פיינסטע טיי און גרעסטע
פארקויף אין נארט אמעריקע
"SALADA"
TEA
„פריש פון די גערטנער"



אלע אונזערע סטארס אפען אין אווענט
פריי
דיזער וואונדערשעהנער העיר דרעסינג און מאניקור סעט ווערט געגעבען אבסאלוט פריי מיט יעדען בעדרום סעט, וואס ווערט געקויפט דורך דעם סייל



22 פיסעס וואלנאט בעדרום אויטפיט
$139
יא, אן עכטער וואלנאט בעדרום סעט מיט די נייע ווענישיאן שפיגלען, דאס שעהנסטע אין בעדרום פוירניטשור, שליסט דער סעט איין א דרעסער, שיפאניער, האליוואוד וועניטי, בעט, ספרינג, מאטראץ, 2 קישענס, 2 ציכלאך, 2 ליילאכער, 2 בלענקעטס, 1 סילק בעדספרעד, 1 סילק באלסטער, 5 סילק דרעסער סקארפס און 1 בעד לאמפ. צוזאמען 22 שטיק פאר
פארקויפט אונז אייער אלטען סטאוו
מיר וועלען אייך אראפרעכענען $10.00 פאר אייער אלטען סטאוו ביים קויפען דעם נייעם פינדליי קאמביניישאן קוילען און גאז רענדזש אין פארצעליי ענעמעל פיניש, קוויבעק טייפ פייערבאקס, פארצעליי געליינטע קוילען און גאז אויווענס.
אבסאלוט גאראנטירט
$125



גיט אונז אריין אייער אלטע
פוירניטשור. נאכוואס זאלט איהר אייך האלטען מיט אן אלטען דיינינג רום, בעדרום אדער טשעסטערפילד סעט. ווען איהר קענט זיי ביי אונז איבערבייטען פאר א גוטען פרייז.
YOLLES Furniture Co. Limited
Danforth Store
1484 Danforth Ave.
Trade-in-Store
409 Queen West
MAIN STORE
379 QUEEN ST. WEST
1 BLOCK EAST OF SPADINA
DOWN TOWN STORE
291 YONGE ST...
STERLING FURNITURE

"טארגסין"
עפענט אן
אפיס אין טאראנטא
די ראיעלע און אלט-באקאנטע פירמע: —
ד. דווארקין
און קא.
525 דאנדעס וועסט
אנאנסירט
אז זי איז די אויסשליסליכע פארטרעטערין פון
"טארגסין"
די געזעלשאפט וועלכע האט סטארס אין רוסלאנד.
ראיעל זיכער און פינקטליך.
אויך געלט אין דאלארען
"טארגסין" איז אנערקענט פון דער סאוויעטען רעגיערונג.
שיקט ניט קיין פעקלאך, איידער איהר זעהט זיך ניט מיט מרס. ד. דווארקין, זעהט וואס איהר באקומט פאר אייער געלט.
ד. דווארקין און קא
525 דאנדעס סטריט וועסט
טעלעפאן טריניטי 6744.

פאקטען וואס איר מוזט וויסען
איידער איהר שטעלט אריין א בלאוער



ווער גאראנטירט אייך דעם בלאוער? איז די קאמפאני ריליייבעל? זענט איהר זיכער, אז אויך נאכדעם, ווי איר האט באצאלט פאר'ן בלאוער, וועט איר קריגען גוטען סערוויס?
מיט דעם
קארמאן קוילען בלאוער
באקומט איר א גאראנטיע פון א ריליייבעל אינזשינערען קאמפאניע, וואס האלט אן עקספערט אין אייער נייבארהוד גרייט צו דינען אייך 24 שעה טעגליך פאר א יאר צייט און אומזיסט דעם כל זמן איר נוצט דעם קארמאן בלאוער וועלען עקספערטען יעדען יאר אינספעקטען דעם בלאוער, נאכטשעקען דעם מאטאר, אויסקלינען די אש פיט און פארצעמענטען די טיר פריי.
טערמס אראנזשירט
CORMAN ENGINEERING CO.
81 פארטלאנד סטריט
טעלעפאן: עלגין 9—1428.

THE HEBREW JOURNAL
דער אידישער זשורנאל
THE HEBREW JOURNAL
Published by
JOURNAL PUBLICATIONS OF TORONTO, LIMITED
542 DUNDAS ST. WEST - Telephones: TRINITY 6830-6831
NATHAN FRIEDLAND, President.
Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario.
Subscription Rates: $6 PER YEAR $3.50 SIX MONTHS
Single Copy—3 cents.
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O., Toronto,
January 22nd, 1913.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL TORONTO, ONT. 25

דרייצען יאר ,,פרידען"

היינט איז וואפענשטילשטאנד־טאג. מיט דרייצען יאר צוריק, דעם 11־טען נאוועמבער, 1918, איז געווען דער שלום פון דער וועלט־מלחמה, וועלכע האט אנגעהאלטען פיער לאנגע יאר, אין וועלכע מיליאנען מענשען זענען אויסגעשלאכטעט געווארען און לענדער זענען פארניכטעט געווארען. די געאגראפישע קארטע פון אייראפא איז באדייטענד געענדערט געווארען.

פארשיידענע שלאג־ווערטער זענען אין דער צייט פון דער מלחמה ארויסגעלאזען געווארען. אויף דער זייט ים זענען צווישען די שלאג־ווערטער געווען אזעלכע ווי: "דאס איז א מלחמה פאר דעמאקראטיע". "א מלחמה געגען דעספאטיזם", "א פרידען אן אנעקסאציעס, און אן קאנטריבוציעס. און איבער אלעם איז געווען א שלאג־ווארט: "א מלחמה צו פארזיכערען פרידען".

מיליאנען יונגע לעבענס זענען געבראכט געווארען אויפ'ן מזבח פון מלחמה צו פארזיכערען פרידען. און פרידענס־ליבענדע מענשען זענען געווען מיט דער מיינונג אז אויב קרבנות דארפען געבראכט ווערען צו פארזיכערען אן אייביגען פרידען, דאן איז דאס ווערט.

אבער דאס איז דאך געווען, און געבליבען ניט מער ווי א נאאיווער וואונש און א נאאיווע האפנונג.

מען דארף ניט אנווייזען אויף דייטשלאנד, וועלכע בלוטיגט נאך יעצט פון דער מלחמה "אן דעראבערונג און אן קאנטריבוציע". מען דארף ניט אנווייזען אויף יאפאן, וועלכע איז ווי א רויבער אריין אין כינא. גענוג וועט זיין אנצואווייזען, אז אן אויסנאמע שטעהען היינט אלע לענדער באוואפענט ביז איבער'ן קאפ, גרייט זיך ארויפצוּוואַרפען איינע אויף־די אנדערע "צו פארזיכערען פרידען", און מען הערט ניט אויף זיך צו באוואפענען.

נאך יעצט, דרייצען יאר נאך דער מלחמה, טראכט מען נאך ערשט וועגען רופען קאנפערענצען פאר אנטוואפענונג, וועלכע לאזען זיך אויס אלע מאל מיט נאך גרעסערער באוואפענונג, וועלכע מוז פריער אדער שפעטער פירען צו בלוט־פארגיסונג.

דרייצען יאר פרידען, און היינט, ווען טאטעס און מאמעס, ברידער און שוועסטער, קרובים און פריינט וועלען שטעהן מיט געבויגענע קעפ לזכרון די, וועלכע האבען אוועקגעגעבען זייערע לעבענס, די, וועלכע זענען געפאלען אויף די שלאכטפעלדער, ווייט פון זייערע היימען, אין ווערדון און אין סיביר, אויפ'ן מערב־פראנט און אויפ'ן מזרח־פראנט, זעהט זיך ניט קיין פארגיטיגונג פאר דאס פארגאסענע בלוט.

היינט, אין דעם טאג, מיט דרייצען יאר צוריק, ווען וואפענשטילשטאנד איז דערקלערט געווארען, ווען דער לעצטער שאס איז אפגעפייערט געווארען, שטעהט דער וועלט־פרידען פונקט אין אזא געפאר, ווי ער איז געשטאנען אין 1914, ווען דער שאס אין סאראיעווא האט אנגעצונדען די גאנצע וועלט און זי אריינגעווארפען אין א העלישען מלחמה־פייער.

דארף מען דאך ניט זיין קיין גרויסער פעסימיסט צו זאגען, אז היינט צו־טאג קען דער קלענסטער פונק אויפרייסען די איבערפולטע פולווער שפייכלער, וועלכע זענען אין די דרייצען פארגאנגענע יאר אנגעקליבען געווארען אין אמעריקע און אייראפא. און עס זעהט זיך קיין סוף ניט צו דער אנטוואפענונג.

צווישען אלע, וועלכע שטעהען היינט מיט געבויגענע קעפ אויף די אומפארגעסליכע מלחמה־קרבנות, שטעהט אויך דאס אידיש פאלק. מיר האבען די קרבנות געהאט אויף ביידע פראנטען, מיליטערישע און ציווילע, און וועלכער עס איז קאמפענסאציע.

די געפלאנטע עקאנאמישע קאנפערענץ אין קאנאדע

לויט פרעמיער מעקדאנאלד האט זיך אויסגעדריקט, וועט די אימפעריאלע עקאנאמישע קאנפערענץ פארקומען אין אטאווא קומענדען יולי. קאנאדע, הייסט עס, וועט זיין דאס פלאץ, וואו אלע דאמיניאנס פון דער גרויסער בריטישער אימפעריע, וועלען זיך צוזאמענריידען און אויסארבייטען פלענער וועגען אן איינגערען האנדעל צווישען זיך.

די פארשיידענע דאמיניאנס און קאלאניעס, וועלכע שטעלען צוזאמען די גרויסע בריטישע אימפעריע, האבען נאך קיינמאל ביז יעצט ניט געקענט קומען צו א האנדעלס־אפמאך, ניט אכטענדיג, וואס אונצעהליגע פארזוכען זענען פאר דעם געמאכט געווארען.

די באזונדערע דאמיניאנס האבען זייערע אייגענע האנדעלס־אינטערעסען, וועלכע קומען אין שארפען קאנפליקט מיט די אנדערע. אזוי, למשל, זענען די האנדעלס אינטערעסען פון קאנאדע און ניו־זעלאנד ניט קיין איינהייטליכע און אויף געוויסע פראדוקטען זענען אין די לענדער ארויפגעלייגט געווארען הויכע טאריפען, וואס מאכט אונמעגליך א פרייען האנדעל צווישען ביידע לענדער.

גרעסערע און קלענערע טאריפען זענען פון כמעט אלע דאמיניאנס ארויפגעלייגט געווארען אויף געוויסע סחורות, וועלכע קומען פון דער מוטער־לאנד, ענגלאנד. און ווי געזאגט, איז ניט מעגליך צו קומען צו קיין אויסגלייך.

עקאנאמישע קאנפערענצען זענען געהאלטען געווארען, ביי וועלכע פלענער זענען אויסגעארבייט געווארען און מיטלען זענען געזוכט געווארען מעגליך צו מאכען א פרייען האנדעל ניט נאר צווישען ענגלאנד און אירע דאמיניאנס, נאר אויך פאר די דאמיניאנס צווישען זיך אן עפעקטיווע רעזולטאטען.

מען קען ניט זאגען, אז א פארצוג פון איין דאמיניאן צו דער צווייטער, און צווישען אלע, צו דער מוטער־לאנד, וואלט דורכאויס גינסטיג געווען פאר קאנאדע אדער אויסטראליע. אין ביידע פאלען וואלטען די דאזיגע צוויי דאמיניאנס פארלוירען אין דעם האנדעל מיט אנדערע לענדער. און אזוי ווי זיי זענען לענדער וועלכע האלטען זיך ערשט אין אנטוויקלען אינדוסטריעל, וואלט עס געווען פאר זיי א צוריקשטויס. אבער דאס איז ניט די הויפט־זאך.

יעדע שטערונג אין רעציפראסיאלען האנדעל צווישען די דאמיניאנס, און אפילו פארלוסטען, וואלטען באדייטענד פארגיטיגט געווארען דורך געווינסטען, וועלכע אזא האנדעל וואלט מיט זיך געבראכט, צו דעם שטרעבען אלע צדדים.

די לעצטע עקאנאמישע קאנפערענץ, וועלכע איז פארגעקומען אין לאנדאן אין 1930, האט ניט געבראכט די געווינשטע רעזולטאטען. קאנאדע האט געגעבען ענגלאנד געוויסע פארצוגען און הנחות אין האנדעל. דאס איז אבער געטאן געווארען מיט גרויס פארזיכט, אויס מורא עס זאל ניט שאדען דער קאנאדער אינדוסטריע.

היינט צו־טאג האט קאנאדע אן אפמאך מיט ניו־זעלאנד. דער אפמאך איז אן עפעקטיווער, און די קומענדע קאנפערענץ אין אטאווא וועט האפענטליך פארצעמענטען דעם אינטער־אימפעריאלען האנדעל, וועלכער וועט זיכער פיעל העלפען אין דער אנטוויקלונג פון קאנאדע.

2 מינוט שווייגען

(טעגליכע שמועסען)

פון יצחקי

היינט איז דער טאג ווען דאס גאנצע לאנד וועט שווייגען צוויי מינוט. דאס וועט זיין, אין אנדענק פון די קאנאדער סאלדאטען וועלכע זענען געפאלען אין דער מלחמה.

דער היינטיגער טאג רופט זיך אן ,,רימעמברענס דעי'' וואס דאס מיינט ,,אנדענקונגס טאג''.

א סך הערצער פון מאמעס און טאטעס, און פרויען און קינדער, ווי אויך פון אנדערע נאהענטע, וועלען זיך היינט א צאפעל טאן. דער איבעריגער טייל פון דער באפעלקערונג וועמענ'ס נאהענטע זענען ניט געפאלען אויף די שלאכטפעלדער, וועט אבער אויסנוצען דעם היינטיגען טאג צו פארוויילען זיך אלס נאציאנאלער יום־טוב און רוה־טאג.

אין טאראנטא וועט היינט די גאנצע עפענטליכע אויפמערקזאמקייט אוועקגעשענקט ווערען פאר'ן קריסטי סטריט האספיטאל, דארט וואו עס פארברענגען זייערע יונגע יאהרען די לעבען־געבליבענע קרבנות פון דער מלחמה. דארט ליגען אינוואלידען אהן הענט, אהן פיס, אהן אויגען און אנדערע נוצליכע מענשליכע גלידער.

די דאזיגע גלידער האבען זיי איבערגעלאזען אויף די שלאכטפעלדער!

* * *

מיט עטליכע וואכען צוריק האב איך שוין געשריבען אויף דעם זעלבען פלאץ וועגען דעם ,,רימעמברענס דעי'', אבער עס איז דאך פאראן צו זאגען וועגען דעם דאזיגען ענין אזויפיעל, אז ניט־נאר איז איין־און־איינציגער קאלום ניט גענוג צו ארויסברענגען אלץ וואס על ווילט זיך זאגען, נאר אפילו 18 טויזענט קאלומס וואלטען אויך קוים געקלעקט ווי א טראפען אין ים.

וואס וועט אבער זיין מארגען — א טאג נאך דעם היינטיגען ,,היינט''?

וועל, מארגען וועט זיין פונקט אזא וואכעדיגער טאג אזוי ווי נעכטען. מען קאן דאך ניט פארלאנגען אז א גאנץ פאלק זאל יעדען טאג האבען נאציאנאלע יום־טובים און זיך קענען פארוויילען...

ניט אזוי?...

ווען מ'וואלט זיך אבער גערעכענט מיט מיין מיינונג — מיט דער מיינונג פון א ,,רענק־ענד־פאיל''־בירגער פון אונזער לאנד — וואלט איך פארגעשלאגען מארגען זאל אויך פארוואנדעלט ווערען אין א נאציאנאלען יום־טוב.

יא, צוויי טעג, איינס נאך דאס אנדערע. און איך וואלט פארגעשלאגען, אז דער מארגענדיגער טאג זאל זיך רופען ,,די פיעס ענד פרידאם דעי''.

זעהר איינדרוקספול, ניט אזוי?

און דאס וואלט דאך געווען דער שעהנסטער סימבאל פון דעם אמת'ן ,,רימעמברענס דעי''. עס וואלט דאך געווען די שעהנסטע דעמאנסטראציע פאר דער וועלט צו צייגען, אז מיר האבען אונזערע הייליגע און טייערע ניט פארגעסען.

וואסי, א ,,ווארריארס דעי'' מעגען מיר האבען, און א ,,פיעס ענד פרידאם דעי'' ניט?

געדענקט איהר ווי אזוי זיי מארשירען, די צוריקגעקומענע סאלדאטען מיט די אלע מעדאלען ארויסגעהאנגען אויף דער ברוסט, אינ'ם ,,ווארריארס דעי'' אין צייט פון עקזיבישאן?

און וואס מיינט איהר באצוועקט דער דאזיגער מארש?

אנו טרעפט!...

* * *

איך בין זיך משער, אז די פרידענס פאראדען וואלטען אויסגעזעהן א סך גראנדיעזער און הארציגער. אבער פרידענס פאראדען זענען דאך ניט דערלויבט ביי אונז.

וויסט איהר עס?

מיט א פאר וואכען צוריק איז געמאכט געווארען א פרוּוו צו דורכפיהרען אזא פרידענס־פאראד, איז ער, צוליעב פארשיעדענע טעמים פארבאטען געווארען פון דער פאליציי.

א שטיקעל צייט האט זיך געטומעלט, אבער עס איז באלד איינגעשטילט געווארען.

און קיין פרידענס פאראד האבען מיר ניט געהאט. וואס זשע פאר א נים וועט אלזא האבען, דער היינטיגער ,,רימעמברענס דעי''?. וועלען מיר, מיט די היינטיגע צוויי מינוט שווייגען ווירקליך אילוסטרירען אונזער גרויסען טרויער אויפ'ן פארלוסט פון אזויפיעל יונגע לעבענס?

און מארגען אין דער פריה וועלען מיר דאך האבען שוין אלץ פארגעסען. מארגען וועט פאר אונז ווידער זיין א וואכעדיגער טאג. אפילו די אינוואלידען אינ'ם קריסטי סטריט האספיטאל, וועלען מיר פארגעסען.

זיי וועלען דארט ווידער בלייבען אליין, איינזאם מיט זייערע טיפע וואונדען. ביז נעקסטען ,,רימעמברענס דעי''.

און די מוטערס, פאטערס, פרויען, קינדער, שוועסטער און ברידער פון די אומגעקומענע וועלען אויך בלייבען מיט זייערע וואונדען טיעף אין הארצען, און וועלען ווארטען אויף קומענדען יאהר, ווען דער טאג פון דערמאנונג וועט דערגרייכען.

אבער די וועלט וועט פון דעם פראקטישער ניט ווערען.

ווען עס וועט נויטיג זיין צו אנצינדען דאס פייער פון פאטריאטיזם, וועלען ווידער מאמעס שיקען זייערע יונגע זיהן צום טויט מיט א שטילער ברכה.

,,געה מיין זוהן, און פארניכט דעם שונא''. וועלען די מוטערס זאגען.

,,אבער וואס וועט זיין, מאמע, אז דער שונא וועט מיר פארניכטען?''.

,,פארוואס זאל ער עס דען טאן, קינד מיינס: וועמען האסטו דען שלעכטס געטאן?...

און די זיהן וועלען זיך געזעגענען מיט זייערע מוטערס — אפשר צום לעצטען מאל!

אט אזוי איז דאס לעבען.

שטעהט די אמעריקאנער ציוניסטישע ארגאניזאציע ערב א חורבן?

די גרויסע פראבלעמען פאר דער קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי.

פון אב. גאלדבערג.

"ווען עס מאלט זיך ניט אין מיחל, שלאגט מען זיך אין הויז". עס איז אן אלט גוי'איש ווערטעל וואס זיין אמת די ערפאהרונג באשטעטיגט אין גאנצען. די וועלט לעבט איצט דורך א קריזיס און דערפאר קומען פאר אומעטום רייסערייען אויפ'ן פאליטישען געביט. קיין לאנד איז ניט קיין אויסנאמע. אפילו די שטילע ענגלאנד, וואו דאס פאליטישע לעבען פליסט זיך רוהיג ווי דאס וואסער פון טייך שליות, און דארט קומען פאר געראנגלען און ווילדע פאליטישע אויסברוכען און קאמפען. עס איז אן אמת'ער בבל, א דור הפלגות. עס ווערען פארווישט די ליניען צווישען די פארשיידענע פארטייען. עס בייטען זיך לאזונגען און עס קומען אויף דער אויבערפלאך נייע מענשען מיט נייע לאזונגען, נייע פאדערונגען און פראגראמען. עס איז א מיש־מאש. א תירוץ פאר די אלע געשעהענישען איז דער גרויסער עקאנאמישער קריזיס וואס האט ארויסגעריסען דאס נארמאלע לעבען פון זיינע פונדאמענטען און געמאכט דערון אן אמת'ע איבערקעהרעניש.

פארשטעהט זיך, אז מיר אידען וואס זענען א טייל פון דער ברייטער וועלט, ליידען פון דעם קריזיס ניט ווייניגער פון אנדערע. נאר אפשר נאך מעהר, און זיין איינפלוס איז צו מערקען אין אלץ, וואס מיר טוען און אונטערנעהמען אויך אויף דעם גייסטיגען געביט. אויך מיר האבען אונזערע רייסערייען, וועלכע אויבערפלעכליך קען עס אויסזעהן שטאמען פון אנדערע סיבות, אבער באמת נאך א גענויער אונטערזוכונג קען דאס צוריקגעפירט ווערען צו דעם קריזיס. דערצו האבען מיר דאך אויסער דעם קריזיס פון וועלכען מיר ליידען אין איינעם מיט דער וועלט, אויך אונזער אייגענעם קריזיס. איך רעד דא, ווי אלע פארשטעהען, מכח געשעהענישען וועלכע זענען פארגעקומען אין אונזער באוועגונג זייט 1929. די בלוטיגע אומגליקספאלען אין ארץ ישראל און די פאליטישע גזירות וועלכע האבען זיך ווי א האגעל געשאטען אויף אונזערע קעפ ביז אויף די לעצטע טעג, האבען אונטערמינירט אין א גרויסער מאס דעם ציוניסטישען מאראל און געפיהרט צו שטרייטיגקייטען, סכסוכים אין די ציוניסטישע רייהען. קיין איבערראשונג איז עס ניט, עס איז געווען צו ערווארטען. אייגענטליך האבען מיר נאך גוט אפגעשניטען. עס האט געקענט זיין פיעל ערגער. מיר האבען געהאט אונזערע גרויסע מחלוקות, אונזערע ביטערע קאמפען, אבער אין דער לעצטער שורה זענען מיר ארויסגעקומען פאראייניגט און די ציוניסטישע וועלט ארגאניזאציע איז געבליבען אינטאקט די רייהען פאראייניגט און צוזאמענגעשלאסען.

די רייד באציהען זיך אויף דעם לעצטען קאנגרעס אין באזעל. קליינע נאכוועהענישען פון דעם קאמף האבען מיר געהאט אין אמעריקע, אבער ווי עס שיינט וועט מען דאך סוף כל סוף קומען צו א פארשטענדיגונג און די דיפערענצען צווישען די גרופען וועלען ווי עס איז אויסגעגליכט ווערען. די קומענדע קאנווענשאן אין אטלאנטיק סיטי וועט, ווי עס איז צו האפען, זיך מעהר ניט דארפען באשעפטיגען מיט דער פראגע פון שלום און קריעג. ווייל די פראגע וועט געלעזט ווערען נאך איידער די קאנווענשאן וועט זיך פארזאמלען. דאס הייסט אבער ניט, אז די קאנווענשאן האט ניט קיין וויכטיגע פראבלעמען מיט וועלכע זיך צו באשעפטיגען.

נאך קיינמאל אין דער געשיכטע פון אונזער באוועגונג איז א קאנווענשאן גערופען געווארען אין אזא ערנסטער צייט ווי איצט. עס וויל זיך ניט מאהלען קיין שווארצע בילדער און עס ווילט זיך ניט לייגען קיין קאלטע קאמפרעסען אויף דעם הארץ, אבער עס איז א ביטערער אמת, אז מיר שטעהען פאר דעם אפגרונד. עס קען, חלילה, קומען דערצו אז אונזער מיה פון איבער דרייסיג יאהר זאל אונטערגעהן און נאר דערפאר, ווייל עס פעהלען אין דעם מאמענט די ארגאניזאטארישע כחות וואס זאלען אונטערנעהמען די נויטיגע מאסרעגלען כדי צו ראטעווען אונזער האב און גוט פון דער גרויסער געפאהר. עס טרעפט אמאל, אז באוועגונגען ווערען רואינירט ניט צוליעב פעהלער, ניט צוליעב מאנגעל אין סימפאטיע מצד דעם גרויסען עולם, נאר צוליעב, ווי זאל איך עס רופען, נאכלעסיגקייט, אפאטיע, צוליעב מאנגעל אין פאראויסזעהונגס־קראפט. די פעהיגקייט אנצושלאגען א נייע ליניע וועלכע זאל זיך פאסען פאר די נייע אומשטענדען אין דער נייער צייט.

עס איז ניט קיין נייעס. אלע ווייסען עס שוין אז די סימפאטיע פאר'ן ציוניזם צווישען די אידישען מאסען איז זעהר גרויס, טראץ די אלע שווערע דורכפאלען וואס מיר האבען געליטען פאליטיש אין דער לעצטער צייט, איז נאך אלץ דער אידישער עולם גרייט צו שטיצען נאך זיינע כחות די גרויסע ציוניסטישע אונטערנעהמונג. די אידישע מאסען לעכצען נאך אלץ נאך א טרייסט ווארט, א האפנונגס־שטראל וואס איז פארבונדען מיט דעם לאנד פון זיין האפנונג, ארץ ישראל. עס איז אויך אן אמת, וואס אלע ווייסען, אז אויף דער אידישער גאס זענען היינט ניטא קיין ערנסטע ציוניסטישע געגנער. אלע פארטייען, אהן אויסנאם, זענען היינט פאר'ן ציוניזם, נאך מעהרער פאר דעם אויפבוי פון דער אידישער היים אין ארץ ישראל.

פונדעסטוועגען, ניט קוקענדיג אויף דער גרויסער סימפאטיע, דראהט דער ציוניסטישער ארגאניזאציע א גרויס געפאהר. די געפאהר פון צופאל, פון דיסאינטעגראציע. עס איז ערב חורבן. עס דערמאנט אויף דעם מיטאלאגישען מאנפאלוס וועלכע שטעהט ביז'ן האלז אין וואסער און געהט אויס פון דורשט. ווער איז שולדיג? וואס זאל מען טאן? עס איז נאטירליך זעהר לייכט צו ווארפען די שולד אויף א געוויסער גרופע. אין אמת'ן ווארפט טאקע די שולד איין גרופע אויף דער אנדערער. וואלט זיך עס געהאנדעלט צו געפינען א שולדיגען, וואלט דאס געווען דער ציעל. וואלט מען געמעגט זיין צופרידען, ווייל יעדע גרופע פאר זיך האט דאך געפונען דעם שולדיגען. דער ציעל איז אבער ניט דאס. מיר ווילען דאך עטוואס טאן פאר'ן ציוניזם. מיר ווילען דאך רעטען די ציוניסטישע ארגאניזאציע. מיר ווילען זי צוריקשטעלען אויף איהר אמאליגען פוס, באנייען איהרע כחות און אויך פארגרעסערען.

עס איז קלאהר, אז אזוי ווי עס איז געגאנגען ביז איצט טאר עס ניט געהן און אז נייע וועגען מוזען געפונען ווערען, אויך נייע מעטאדען. ביז איצט, צום ביישפיעל, האבען מיר געהאט דיסטריקטען. וואס ווייטער ווערט קלאהר אז דער דיסטריקט איז ניט די ריכטיגע פארם פון ארגאניזאציע. עס קען זיין אז זיי זענען געווען גוט פאר זייער צייט, כאטש פיעלע צווייפלען דערין. עס איז אבער זיכער, אז איצט טויט די דאזיגע פארם ניט. עס מוז אויך געפונען ווערען אן אנדער אופן פון פראפאגאנדע. דאס לעבעדיגע גערעדטע ווארט איז נאך אלץ די בעסטע פראפאגאנדע פארם. אין דער לעצטער צייט האבען מיר זיך מיט דעם גערעדטען ווארט גענומען באנוצען וואס ווייניגער. אויך מיר זענען געפאלען א קרבן אויף דעם מזבח פון מעכאניזם, אונטער וועמעס צייכען אונזער צייט שטעהט. עס האבען אין אונזער באוועגונג רעגירט די דריי ט"ס: טייפרייטער, טעלעגראף און טעלעפאן. צוערשט האט מען געשריבען א בריעף, און ווען מען האט מיט א בריעף עס ניט געקענט מאכען, האט מען טעלעגראפירט. ווען מען האט ניט פועל יוצא געווען מיט'ן טעלעגראף האט מען זיך געכאפט פאר'ן טעלעפאן. קיינער וויל ניט לייקענען די וויכטיגקייט פון די נייע אינסטרומענטען. ציוניזם איז אבער א באוועגונג וואס איהר תוך און הארץ און קאפ. מיט מעכאניק קען מען דעם ציוניזם ניט בויען. מיר מוזען האבען דעם לעבעדיגען ביישפיל. די אידעאלע פערזענליכקייט, דאס געפליגעלטע הארציגע ווארט אויב מיר ווילען האבען אן ערפאלג.

מיר מוזען אפפרישען דעם ציוניסטישען גייסט, אריינברייינגען נייעם מוט און נייע האפנונג אין די רייהען פון די ציוניסטען, וועלכע מוזען איצט אויפגעפאדערט ווערען צו גרעסערער אפפערוויליגקייט, שטארקערער אנשטרענגונג און א גרעסערער מאס פון אידעאליזם.

מיר מוזען אויך צוציהען די יוגענט צו אונזער באוועגונג. אומזיסט דערצעהלט מען בבא־מעשיות וועגען דער יוגענט, אז זי געהט אוועק פון אונז, אז זי האט קיין אינטערעס וועגען אידישע פראבלעמען, אז זי איז לייכטזיניג און לייכטוואגיג און האט קיין פארשטענדניש פאר אידעאלען און אפפער. דאס איז א בלבול אויסגעטראכט אויף דער אמעריקאנער יוגענט. עס זענען געוויס דא גענוג יונגעלייט וואס האבען ניט קיין אינטערעס אויסער פאר וואוילטאג און פארגעניגען, אויסער קאריערעס און פערזענליכע אמביציעס. דאס איז דער דרך העולם. אזוי איז עס ניט נאר אין אמעריקע, עס איז אבער זיכער, אז א גרויסער טייל פון דער היגער יוגענט קען זיך פארגלייכען מיט דער יוגענט פון דער אלטער היים. עס פעהלען ניט קיין אידעאליסטען צווישען אמעריקאנער יונגעלייט. עס איז דארט פאראן א ברילאנטענער מאטעריאל, וועלכער בעט זיך מען זאל איהם נעהמען אין די הענט אריין און העלפען איהם אריינגיסען זיך אין דעם ציוניסטישען שטראם. עס איז צווישען דער היגער יוגענט פאראן אידעלע נשמות וואס זוכען א תיקון, שעהן־גייסטער און פיין־גייסטער, וועלכע זענען גרייט דינען דעם פאלק מיט יעדער פאזע פון זייער נשמה. זיי שטעהען נאך דערוויל מחוץ למחנה, ניט צוליעב זייער שולד, נאר צוליעב אונזער שולד. זיי האבען ניט איין מאל

(פארזעצונג אויף פיידזש 3)

צווישען בערג

(א בילד.)

פון נחום כיניטש.

צווישען בערג. איינזאם ביים אפענעם פענסטער שטעהט זי און טראכט. פאר איהרע אויגען לויפט דורך ווי א חלום דאס גאנצע לעבען; אט ניט לאנג א קליין מיידעלע געווען, געשפילט זיך מיט איהרע ברידערלאך און שוועסטערלאך. דער פאטער א פאטריארכאלער איד מיט א לאנגער ווייסער בארד, זיין ליבלינג איז זי געווען. ווי ליעב האט זי געהאט זיצען אויף זיין שויס, שפילען זיך מיט זיינע לאנגע ווייסע לאקען און געגרייזעלטע פאות.

אין דער פריה, ווען אלעם פלעגט שלאפען אין דער נאטור, נאר דעם פאטערס קול האט געקלונגען אין דער פריה־מארגען שטילקייט, לערנענדיג א בלאט גמרא. פלעגט זי זיך שטילערהייט פארגנב'ענע, ארויסגעהן פון בעט, שטעהן מינוטענווייז הינטער איהם און שלינגען, איינזאפען אין זיך זיין וויינענדיג אומעטיגע מעלאדיע. נאך יעצט דוכט זיך איהר, אז עס האט געוויינט און געציטערט זיין קול אויף די אידישע צרות און ארעמען געדריקטען לעבען.

באמערקענדיג זי הינטער זיך, פלעגט דער אלטער פאטער גלעטען איהר מיט זיינע ווייכע זיידענע הענט און שטראפען: "אוי, חנה'לע, וואס פאר א שלעכט קינד דו ביזט, געה צוריק אין בעט, דו וועסט זיך נאך חלילה צוקיהלען".

דער גוטער פאטער! ווי ווייך און צארט איז געווען זיין שטימע. וואס האט געשטילט ווייטאגען און באצויבערט יעדען.

די מוטער, אן איינפאכע פרוי, א גוטהערציגע, האט ניט געקענט פארשטעהן, פיהלען און אריינדרינגען אין די קינדער'ס וועלט. זי האט אכטונג געגעבען, אז אלעס זאל זיך פיהרען אידישלאך לויט'ן דין. אויפגעפאסט אויף זיי, אז זיי זאלען זיין גוט און פרום.

אזוי זענען יאהרען פארלאפען, און זי איז שוין געווארען א דערוואקסען מיידעל, האט געלעכצט נאך לעבען און פארגניגען. ברעכט אויס די וועלט־מלחמה. וואס פאר א איבערלעבענישען און ליידען זענען אויסגעפאלען אויף איהר טייל!

די דייטשען דרינגען אריין אין זייער שטאדט. געגען די עלטערנ'ס ווילען האט זי זיך אנגעגעבען אלס בארימהערציגע שוועסטער אין א דייטשען שפיטאל. דארטען זיך באקאנט מיט א סאלדאט, און א ברענענדע ליבע האט זיך אנטוויקעלט צווישען זיי.

זי האט געשטיקט אין זיך און אויסבאהאלטען פון אלע ארומיגע איהר גרויסען סוד. זי האט פיעל געליטען, ווען איר גוסטאוו האט זיך געמוזט לאזען פאראויס מיט די זיגרייכע דייטשע אפטיילונגען איבער דער ברייטער רוסלאנד. זי האט געהאפט, געקוויקט זיך מיט'ן געדאנק, אז באלד וועט זיך ענדיגען די וועלט־מלחמה און קיין זאך אין דער וועלט וועט נישט אימשטאנד זיין צו שיידען זיי.

נאך יאהרען פון בענקעניש, צער און ליידען איז אם ענדע געקומען דער פרידען. האט זי זיך געלאזען קיין בערלין צו איהר געליבטען. געלעבט מיט איהם אלס מאן און פרוי. וואס איז איהר אנגעגאנגען רעליגיע און נאציעס. זי האט באגעגענט דעם מענשען, וואס האט אלעס באזיגט, און געפונען ליבע, וואס איז שטארק ווי דער טויט.

א קורצע צייט געלעבט רוהיג, גליקליך. ביז די עלטערען האבען באשלאסען זיך לאזען קיין אמעריקע. איז זי אויך מיטגעפאהרען, פארזיכערענדיג איהר געליבטען, אז זי וועט איהם אין גיכען אריבערנעהמען אין דעם גאלדענעם לאנד.

אי אמעריקע שווער געארבייט. געקליבען א דאלאר צו א דאלאר מיט דער גליקליכער האפנונג, אז אט באלד געלינגט איהר דעם געליבטען און געטרייען גוסטאוו אריבערצוברענגען.

ענדליך האט זי מיט איהר געלט איהם אריבערגעבראכט.

נאך א טאג ארבייט האבען זיך ביידע געליבטע באגעגענט און ערשט דערפיהלט ווי גליקליך זיי זענען. דערווייטערטע זענען דערנעהענטערט געווארען. איין גוף, איין נשמה, מאן און פרוי. חבר און פריינט.

א ברודער האט זיך דערוואוסט. אנגעהויבען טענה'ן: "וואס הייסט? דו לעבסט מיט א דייטש? און נאך פרייע ליבע! ווי נידעריג דו ביזסט געפאלען, חנה, וואס וועט זיין מיט אונזער רעליגיעזע עלטערען. ווען זיי דערוויסען זיך פון דעם. עס וועט דאך פאר זיי זיין א טויט קלאפ".

האט זי זיך דאן גערעכענט מיט די אומשטענדען? — ניין! פאר'שיכור'ט איז זי געווען. גוסטאוו — אט דאס ווארט איז געווען ווי א באלזאם פאר איהר נשמה. אין איהם האט זי געזעהן די פארקערפערונג פון מענש, וואס שטעהט העכער פון פעלקער.

און נאך פיעל יאהרען פון צוזאמענלעבען. אזא ליעבשאפט, אזא איבערגעבענהייט! אידין, קריסטין — אלץ־איינס איז פאר איהם געווען. זי איז דער מענש, וואס איז איהם טייער און ליעב.

אן אומגליק איז געשעהן.

געהענדיג אי גאס האט זי זיך אויסגעגליטשט, געפאלען און צובראכען איהר רוקען ביין.

א צייט געלעגען אין שפיטאל. זי איז געזונט געווארען, אבער עס האט זיך אנטוויקעלט טובערקולאז.

א קראנקע, א צובראכענע האט זי זיך געלאזט, לויט די דאקטוירים'ס עצה, קיין קאליפארניע. געגאנגען דארט ארבייטען און געלאזט וויסען גוסטאוו'ן, אז זי פילט שוין בעסער און די זונען שטראלען היילען און מונטערען איהר צובראכען גייסט.

גוסטאוו איז צו איהר געקומען. די עלטערען האט זי געלאזט וויסען, אז זי האט געהייראט א דייטשען "יהודי". קיין גליקען מאכט גוסטאוו נישט. אין ניו־יארק וואלט ער לייכטער פארדינט א דאלאר. מאטערט ער זיך. אבער איהר געזונט צושטאנד פאדערט קרבנות און פאר איהר איז ער גרייט אלעס טאן. ליעב האט זי איהם, און נאך שטארקער און פלאמענפאלענדיגער איז זיין ליעבע צו איהר.

זיי האבען זיך איבערגעצויגען צווישען די בערג. און יעצט שטעהט זי צווישען די הויכע פעלזען און באטראכט איהר לעבען.

צווישען הויכע בערג, שפיציגע פעלזען, שטיינערנע בארען ארום איהר, און ווי פארשטיינערט איז זי צו איהר פאלק און פאמיליע געווארען.

זי לייענט איהר ברודער'ס בריעף און טרעהרען שטיקען איהר.

דער גוטער פאטער איז טויט. און פאר'ן טויט האט ער געשיקט זיין ברכה צו זיין מיזינקעלע און געבענשט, געבעטען, אז זייער ניי געבוירענער זוהן זאל טראגען זיין נאמען.

דער אלטער פאטער האט נישט געוואוסט דעם אמת און עס איז טאקע גליקליכער אזוי געווען. אז מ'שטיינס געזאגט, אין וואס איז באשטאנען איהר אידישקייט.

אמת, אפט פיהלט זי זיך נישט גוט אין דער נישט אידישער געזעלשאפט, אבער זי האט זיך שוין צוגעוואוינט צו דעם. איהרע פריינט, אידען און קריסטען, דענקען אויך אזוי, אז עס איז [illegible] אונטערשייד נישטא צווישען [illegible] קריסטען. אז אלע מענשען זענען [illegible] אז די צוקונפטיגע געזעלשאפט וועט פון דעם אונטערשייד איינגאנצען ניט וויסען.

איז עס נישט ריכטיג?

שטעהט זי ביים אפענעם פענסטער און טרעהרען פליסען פון איהרע אויגען: — דעם גוטען ליבען פאטער'ס לעצטען וואונש קען זי נישט דערפילען.

טעאטער — מוזיס — מואוויס

„דער דבוק" אין סטענדערד טעאטער

— פון —
מ. פאגעל

(אויפגעפיהרט פון וו. גאלדפאדען, מיט ראזע זשעלאזא אלס "לאה")

דער עיקר, אדער איינער פון די עיקרים ביים שפיעלען דעם דיבוק, אויסער דאס אינדיווידועלע שפיעלען פון די ארטיסטען, איז דער צוגאנג צו דער פיעסע, דער אופן פון אויפפיהרען עס און דאס אויסהאלטען די פארשטעלונג גענוי לויט דער אנגעמערקטער ליניע. און נאך די אלע פארשיידענע אויסטייטשונגען פון דעם "דיבוק" און שפיעלען, איז שוין שווער צו געפינען א נייעם וועג. צו פיעל וועגען און אלע שוין אויסגעטראטענע. מאכט ניט אויס, אז מען גיט אן אויפפיהרונג לויט א מוסטער אן אנגענומענעם, זיך באנוצענדיג מיט קליינע ענדערונגען דא און דארט און דער "דיבוק" קען נאך געהן און געהן אויף דער אידישער ביהנע, און טאקע באזונדערס אויף דער פראווינציעלער, וואס האט "גע'דיבוק'ט" מעהר מיט הערען איידער מיט זעהן עס אויפגעפיהרט און גוט אויפגעפיהרט.

דארף און קען די מאנטאגדיגע "דיבוק" אויפפיהרונג פאררעכענט ווערען צו די בעסערע אויפפיהרונגען פון יעצטיגען טעאטער סעזאן. איין חסרון האט זי געהאט וואס א טייל שוישפיעלער זיינען געווען עטוואס צו פראזאאיש, צו רעאליסטיש — פאר דעם מיסטעריעז-סענטימענטאלען גאנג פון דער פארשטעלונג.

דעם טאן האט געגעבען די צווייטע העלפט פון ערשטען אקט. דער משולח (וואלף גאלדפאדען), חנן (ס. קראסנאף) און איבערהויפט לאה (דער גאסט ראזע זשעלאזא). אלע סודות'פולע, ניט פון דער וועלט, ריידען מעהר מיט רמזים, באוועגונגען און גרופירונגען, און מיט'ן קלאנג פון ווערטער ניט דערזאגטע, ווי מיט די ווערטער אליין. און צוגעשפילט האט זיי טאווים, חנן'ס חבר, געזינדיגט דא און דארט, אבער אין טאן.

דער ערשטער האלבער אקט, וואס האט געדארפט שאפען די אטמאספערע פאר די קומענדע העלדען, האט ניט דערגרייכט, וואס ער האט געדארפט. עס האט געפעלט דער גלויבען, אז מען מיינט עס טאקע, אט דאס וועגען וואס מען רעדט, און אויף דעם בלאסען פאן פון אומבאוועגליכקייט און מטושטש'דיגקייט האט זיך צו שטארק און ערדיש אנגעזעהן די פיגור פון משולח.

אין דעם צווייטען אקט, וואו סצענעס ביימען זיך אפטער און לעבעדיגער, האט ראזע זשעלאזא פארנומען דעם אויבען אן און געלאזט אלץ און אלעמען זיך דרעהען ארום זיך אין דעם ריטם, וואס זי האט אויסגעקליבען. די לעצטע צוויי אקטען, וואו אויף דער ביהנע הערשען דער מיראפאלער צדיק (יודל דובינסקי) און לאה זיינען געווען די בעסטע און אויסגעהאלטענסטע. די פארקערפערטע נישט ערדישקייט, דאס האנדלען רעאל מיט ניט רעאלע כוחות, דאס קעמפען ממשות'דיג פאר אלעמען אין די אויגען א קאמף, וואס ווערט גאר געפיהרט אין די מענשען און אין די תוהו ובוהו וועלטען, — די שווערע אויפגאבע איז געלונגען די שוישפילער צו דערגרייכען בשלמות.

די פראווינציעלע נויט פון דעם היגען טעאטער בלויז האט ניט דערלאזט אז די פארשטעלונג זאל ווערען דער גראנדיעזער דערפאלג דורך און דורך.

ווייל די זשעלעזא איז א לאה, וואס קיין בעסערעס דארף מען ניט. זי האט געהאט דעם נויטיגען טאן, פיגור, באוועגונגען און אויסדרוק, און דאס סימפאטיש מוראדיגס, וואס האט זיך געטראגען פון איהר האט געווירקט. איהר וויינען, מעלאדיש, אור-אידישלאך צער פול ווי ווייט איז עס פון דעם היסטערישען געוויין און כליפען, וואס מיר זיינען געוואוינט צו הערען. איהר פארמאטערט, מיט אזוי פיעל אינערליכער גבורה פולעס, אנלענען זיך אין מאמענטען פון שוץ זוכען, אנשטאט צוטוליען זיך און באהאלטען זיך, איהר שטארבען, וואס איז גיכער עהנליך צו איינשלאפען און געפינען ענדליך רו, מיט די אלע שטיל-טעאטראלישע אויסדרוק פארמען האט זשעלאזא געגעבען דעם הויפט טאן פון דיבוק און געשאפען א לאה, וואס פארמאגט די שוואכקייט און נאאיוויטעט פון א קינד, צערטליכקייט און ליעבע פון פרוי און העלדישקייט און איבערגעגעבענהייט פון א קדוש.



ר. זשעלאזא

דובינסקי האט געגעבען א כאראקטעריסטישען צדיק, וועלכער האט געהאט די מעלה פון זיין עטוואס אנדערש. די איבערגאנגען פון זיין קערפערליכער שוואכקייט אין זיין גייסטיגער גבורה זיינען געווען מעהר פארטיעפט, ווי ארויסגעוויזען. האט זיין קול איהם ארויסגעהאלפען גאנץ באדייטענד, א חסרון איז געווען, וואס ער איז געווען א צו ליבינקער.

גאלדפאדען. אלס משולח האט זיך צופיעל ארויסגעזעהן און ארויסגעוויזען, ווי ער וואלט צו שטארק באטאנט, אז ער ווייסט אלץ, און אזוי האט די פעדים פון די קומענדע געשעהענישען אין זיינע הענט. האט ער ווייניגער געהאט צו טאן נאכ'ן ערשטען אקט, האט זיין סודות-פולקייט מיט זיין אריין און ארויסשלייכען זיך און דער טרוקענער גזר-דין קול שטארקער געווירקט אין די איינצעלנע מאמענטען פון זיין אויפטרעטען אין די לעצטע אקטען.

און קראסנאוו האט באוויזען אז ער וואלט געקאנט זיין אן אויסגעצייכענטער חנן, ווען ער וואלט געהאט צייט לענגער זיך אפצוגעבען מיט דער ראל. ער האט פיעל און שווערע עברי, און עס מוז ארויסקומען "ממעמקים". האט עס איהם געשטערט. אבער ווען ער האט עס גובר געווען, איז ער געווען פיין. די זשעסטען געמאסטענע און דעם קול געהאלטען אין צוים האט ער געשפיעלט מיט הארץ און טאקט.

אסתר פיעלד איז געווען א פארגעניגען אנצוקוקען אלס באבע. וואונדערשעהן האט זי דורכגעפיהרט די לעצטע סצענע פון בארוהיגען לאה'ן און אליין איינשלאפען. עס איז געווען א מורא, אז אין צווייטען אקט, צוריקברענגענדיג לאה'ן פון באזוך אויפ'ן בית-עלמין, זאל זי ניט אריבערשפאנען דעם שוועל צו שארזש. זי האט עס אבער ניט געטאן.

הײמאן ראפאפארט איז ניט געווען דער סענדער בריניצער, וואס האט געדארפט זיין, באזונדערס אין ערשטען אקט. די מרה שחורה'דיגע בטלנים, ביי וועמען עס האט זיך ניט געקלעפט, האבען געדארפט אויפלעבען ביי זיין אריינקומען, און ער האט עס געדארפט טאן. האט איהם געפעלט דער צאפעלדיגער אדער און ברייטערער פארנעהם, כדי עס זאל זיין בולט'ער שפעטער דער געבראכענער סענדער.

לופינסקי איז געווען גאנץ פיין, אלס בטלן, און אפילו אלס חתן. די צרה איז, וואס דער עולם געטרויט ניט, אז לופינסקי מיינט עס ערנסט, און עס איז גענוג, ער זאל זיך א קרים טאן, כדי דער מיין פון זיינע ווערטער זאל פארלארען געהן צוליעב דעם דערווארטעטען וויץ, און מען האט געזעהן ממש, ווי עס בייסט איהם די הענט, מען זאל איהם נאר אלס חתן זיך לאזען פאנאנדערגעהן. האט מען איהם אבער געצוואונגען יוצא צו זיין מיט "רבי איך האב מורא". איז ער דא געווען לופינסקי.

טאווים איז אלס מיכאל געווען בעסער ווי אלעם חנן'ס חבר. ער האט חנן'ען צוגעשפילט גאנץ גוט, נאר א ביסעלע צו שארף. געדארפט טאקע אויפ'ן זעלבען שטייגער נאר מיט מעהר תמימות. ער האט אויך געשפילט דעם חתנ'ס רבי.

אמאסיע איז געווען אויפ'ן פלאץ אלס מרא דאתרא ביים איבערגעבען די רייד פון מת. פאר דעם איז געווען צו זעהן, אז ער פיהלט זיך ניט אין זאטעל.

עס האבען זיך באטייליגט אין קלענערע ראלען בעקי לעש (אריינגעפאלען אין ארון קודש און אפגעזאגט) סטעלא שולמאן (א לעבעדיג מיידעל, וואס האט נעבאך ניט געהאט וואס צו טאן) און מיטגליעדער פון דראמאטישען קרייז ביים אידישען ארבייטער קולטור קלוב, וואס האבען נאך אלץ מורא פאר דער ראמפע, און אפשר לאזט מען זיי ניט עפענען קיין מויל, אויס מורא זיי זאלען ניט קאליע מאכען.

די סצענישע עפעקטען זיינען געווען שעהן. באזונדערס עפעקטפול איז געווען די אויסשטאטונג אין די לעצטע צוויי אקטען.

טעאטריי

פון יוד פעי.

א טרופע מענעדזשער

וויפיעל אידען, וועלכע געהען יעדע וואך אין טעאטער ווייסען, אז אויסער זייערע באליעבטע אקטיארען, וועלכע זיי אפלאדירען אזוי ענטוזיאסטיש, דרעהט זיך ארום נאך א באשעפעניש אויף גאטס וועלטער, וועלכער מאכט א לעבען פונ'ם טעאטער?

דער אמת איז, אז דאס איז ניט קיין ווירקליכע "באשעפעניש", נאר א לעבעדיגער מענש, וועלכער דרעהט, נעבאך, זיך נאך ווי א פינפטע ראד צום וואגען... אויף דער ביהנע איז ער ניטא. קיין אפלאדיסמענטען כאפט ער ניט אריין, און בכלל זעהט עס זיך ווייניג ארויס. פונדעסטוועגען וועלען אייך אלע "סטארס" אין דער וועלט מודה זיין, אז אהן איהם וואלטען זיי קיין זאטע מאלצייט ניט געהאט.

יא, יא, ער איז זייער שפייזער.

דער דאזיגער פארשוין איז דער פארמיטלער צווישען דער טרופע און דער אויסערליכער וועלט.

און אויב איהר ווילט וויסען וואס פאר א פנים א טרופע האט, זאלט איהר זיך פריהער באקענען מיט איהר מענעדזשער.

דעם מענעדזשער'ס עובדא איז צו "אטענדען" די ביזנעס-זייט פון דער טרופע. אבער אויסער דעם דארף ער אויך שאפען "פריינט" פאר זיינע שוישפילער צווישען דעם ברייטען עולם. ער דארף קענען זיין א "פאני-בראט" מיט די "הענט" פון פרינטינג שאפ, וואו די פראגראמען ווערען געזעצט. ער דארף פאר האנדלען מיט דעם טעאטער-מענעדזשער וועגען "ממתקים"; ער דארף קענען אויסשטעהן די קאפריזען פון זיינע נערוועזע אקטיארען און א חוץ דעם דארף ער באזיצען גאר א באזונדער איינגעשאפט צו האלטען לאנגע, נודנע דרשות צווישען דעם דריטען און לעצטען אקט...

מיר גופא זענען געווען באקאנט אזעלכע מענעדזשערס וואס פלעגען אנווארפען א שרעק אויפ'ן עולם מיט זייערע "הויכע טענער" בעת זיי האבען אנאנסירט א געוויסע "שטיק"...

און ואחרי ככלות הכל... בכל, לכל, מכל ,שכל. דארף א טרופע מענעדזשער האבען א "שווערע" האנט צו געבען אמאל א פריי'ען "פעס" אין טעאטער אריין.

אויב ער באזיצט די דאזיגע מעלות איז ער דער אידעאלער טיפ פון א מענעדזשער.

* * *

בולבעס

גוואלד, אידישע קינדער, וואס טוט מען מיט אזוי פיעל "בולבעס"?

היינטיגען שבת זיץ איך מיר אזוי אין טריאייטער און שלינג הייסע "בולבעס" אזוי ווי האלעשקעס.

וואסי?

גארניט, שעבענארניט. נאר וואס דען, קראסנאוו האט זיך אביסעל ספאטיקעט און האט אנגעהויבען זינגען דאס לידעל דורכ'ן טעלעפאן א סך פריהער איידער חנה טייטעלבוים האט פארענדיגט איהר'ס.

און דער כאהר?

אויך דאס זעלבע. צי מען דארף יא צי ניט, רוקען זיי זיך מיט די שטיוועל גרייט צום טענצעל... וואס איז די יאגעניש אויף זיי, וואס?

* * *

זינגען

ביים קאנצערט זונטאג אווענט זענט איהר געווען? אי, איז דאס געווען א קאנצערט... פ... ס... ס...

א קאנצערט אשר לא קאנצערטו אבותונו.

האט זיך "טאווארישטש" ליפינסקי צוזונגען דארט אזוי ווי א קאנאריקעל אויף זיין ביטערען מזל וואס די דינסט האט איהם געבוירען און גיט זיין מאמע.

וואס זאל איך אייך זאגען, אידישע קינדער? עס איז געווען "שוין איינמאל געזונגען"...

אזעלכעס זאל איך אייך, האב איך נאך ניט געהערט...

ב... ר... ר!...

* * *

דער שעהנסטער וויץ

פארגעסט זשע ניט נעקסטען צעהלען וועגען אונזער גרויסען וואלף גאלדפאדען. איך באטראכט עס אלס דער שעהנסטער וויץ פון היינטיגען טעאטער סעזאן.

ביי איינעם פון די ליטעראַרישע פארשטעלונגען מיט א פאר וואכען צוריק האט גאלדפאדען, אנאנסירענדיג וועגען די קומענדיגע פארשטעלונגען, זיך אויסגעדריקט אזוי:

”מיינע פריינט!

”איהר פארשטעהט דאך, אז בלויז אויף די ”ליטעראַרישע מאנטאגען” קאנען מיר ניט עקזיסטירען. עס איז אומבאדינגט נויטווענדיג אז מיר זאלען אזעלכע גוט באזוכטע ”הייזער” האבען פרייטאג און שבת אויך”.

יודל דובינסקי

אבי עס דרעהען זיך ארום אידען וואס טענה'ן, אז ליטעראַרישע פארשטעלונגען זענען אויסגענוצט צו פינאנציעלע פארלוסטען.

אט הערען מיר דאך אז גאלדפאדען ווינשט זיך דאס די פרייטאג'ן און שבת'ן זאלען כאטש ניט זיין ערגער ווי די ”ליטעראַרישע מאנטאג'ן”...

* * *

יודעל

ארבא, טרעפט וועלכען יודעל איך מיין דא. אויב איהר וועט טרעפען, גיב איך אייך אוועק דעם גאנצען האנאראר פון דעם דאזיגען ארטיקעל...

נעקסטען מאנטאג אווענט וועט יודעל אויסזעהן אביסעלע אנדערש. ווייל עס איז ביי איהם א שמחה נעקסטען מאנטאג.

ער וועט אייך פארקויפען מילכיגס און וועט אייך פארווארפען מיט זיינע בארימטע ”פיפטי-פיפטי ווערטלאך” אויף וואס שלום-עליכם איז געווען אזא מארים. די ווערטלאך זענען האלב העברייאיש און האלב אידיש, אבער א שייכות האבען זיי איינס מיט דאס אנדערע אזוי ווי טאג מיט נאכט.

אויסער די מילכיגס וועט יודעל אייך געבען נעקסטען מאנטאג אזא פארציע בויך-וועהטאג פון הארציגען געלעכטער, אז איהר וועט עס לאנג געדענקען.

אז יודעל וויל, קען ער...

פארגעסט זשע ניט נעקסטען מאנטאג!

* * *

”אניגערקע”

פון אמאסיא'ן האב איך ערשט אויסגעפונען היינטיגען שבת, אז עס איז גאר ניט אזוי שלעכט צו לעבען מיט ”אניגערקע”...

די הויט פון א ניגערקע (א ניגערטע), זאגט אמאסיא איז ווייך אזוי ווי סאמעט. און בכלל איז זי, זאגט ער, א פרוי ווי אלע פרויען.

און אז ער זאגט, מעג מען איהם גלויבען.

מיט די אנדערע פון דער טרופע וועל איך זיך מירצעשעם ”אפרעכענען” א צווייטען מאל.

דערוויל אדיע!

בעסער דער טויט אידער שאנדע

פון לעמבערג מעלדעט מען:

אין הארארענקא האט געמאכט א דערדריקענדען רושם די ידיעה וועגען זעלבסטמארד פון באקאנטען מיהל-אייגענטימער הערמאן זאווערבערג, אן אנגעזעהענער מיטגליד פון דער אידישער קהלה.

די סיבה פון זעלבסטמארד איז דאס, וואס הערמאן זאווערבערג, וועלכער איז באקאנט געווען אלס גביר, איז לעצטענס אריינגעפאלען אין גרויסע פינאנציעלע שוועריגקייטען, אזוי אז ער האט זיך ניט געקענט ארויסוויקלען פון זיינע פארפליכטונגען. עס האט איהם אפילו געדראהט לעצטענס, אז זיין מיהל זאל ליציטירט ווערען, צוליעב וואס זאווערבערג איז אריינגעפאלען אין א שווערער מעלאנכאליע.

יענע וואך האט ער געפרואווט באגעהן זעלבסטמארד, ער איז אבער דורך זיין פאמיליע דעמאלט געשטערט געווארען אין אויספיהרען זיין פלאן.

די טעג האט זאווערבערג זייענדיג אליין אין מיהל, צו זיך אויסגעשאסען פון זיין רעוואלווער, און איז געבליבען טויט אויפ'ן ארט.

ווי אזוי געפינט מען אויס די סטארס?

פיעל פון די מאווי ליעבהאבער וואונדערען זיך א סאך מאל: ווי אזוי האט מען אויסגעפונען אט די אלע גרויסע מאווי סטארס?

קלארק גייבל, וועלכער איז די נייעסטע סענסאציע פון די פילעמס, האט באקומען זיין „אנהויב" דורך שפילען אויף דער ביהנע אין לאס-אנדזשעלעס טעאטער אין דעם שטיק „די לעצטע מייל". די מ. ג. מ. האט איהם אויסגעכאפט פאר דער גענגסטער ראלע אין „דענס פולס דענס".

א צווייטער נייער שטערן אין די מאוויס איז מערדזש עוואנס. זי האט אנגעהויבען שפילען אויף דער ביהנע, ווען זי איז אלט געווען 6 יאהר אין א קינדער ראלע, און מען האט זי אויסגעכאפט פאר די מאוויס.

וואלאס בירי איז אריינגעפאלען אין די מאוויס דורך שפילען קאמישע ראלען.

דזשייקי קופער האט אנגעהויבען מיט דעם בילד „סקיפי".

דזשאון קראפארד האט געמאכט א דעבוט אלס אן עקסטרא אין דעם בילד „פריטי לײדיס".

מעריאן דייוויס איז בארימט געווארען דורך א בילד, ווען זי איז געווען א כאריסטקע.

קליף עדווארד האט אנגעהויבען מיט זיין יוקעלעילי אין „האליוואוד רעוויו".

גרעטא גארבא'ס ארטיסטישען שפילען אין דער שוועדישער אקאדעמיע האט געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון מאריץ סטילא, וועלכער האט זי אנגאזשירט צו שפילען אין דעם בילד „גוסטא גענוינג".

דזשאן גילבערט האט אנגעהויבען מיט שפילען קליינע „קארבאי" ראלען.

נעיל האמילטאן האט אנגעהויבען אלס אן עקסטרא אין „פארטליע".

וויליאם העינס איז אויסגעקליבען געווארען פאר די מאוויס אין א קאנטעסט פון „נייע פנימער".

אדאלף מענזשו איז געקומען פון דער ביהנע אין 1912, און דזשאהן מיל דזשאהן איז געקומען קיין האליוואוד, ווייל איהם איז נמאס געווארען ארומצופאהרען איבער'ן לאנד שפילענדיג אין די סטאק קאמפאניעס.

די סענעט קאמיקס האבען אריינגעבראכט פאלי מארען. ראמאן נאווארא איז געקומען מיט א טאנץ טרופע.

נארמא שירער האט באקומען איהר ערשטען דזשאב אלס אן עקסטרא אין א קאלעדזש פיקטשור.

וואס פאר א קינד איז דזשעקי קופער?

דער קינדער סטאר פון מ. ג. מ. האט אין מיטען שפילען פאר דער קאמערא געגעבען א צייכען אז ער איז ניט פארטיג צום שפילען. ווען די ליכט זענען אויסגעלאשען געווארען, אלעס איז אפגעשטעלט געווארען, איז ער צוגעלאפען צו זיין מוטער און א געשריי געטאן: מאמע, היינט בין איך געשלאפען ביז אכט אזייגער אינדערפריה, וועסטו מיר לאזען אויפזיין א שעה שפעטער אין אווענט?

דזשאון קראפארד אין א זינג-ראלע

עס ווערט אנאנסירט פון דער מ. ג. מ. סטודיא, אז די יונגע דזשאון קראפארד מאכט א בילד מיט'ן נאמען „די מיראזש", אין וועלכען זי האט א סך שעהנע לידער צו זינגען. עס איז שוין א לאנגע צייט, זינט עס איז געוויזען געווארען זינג-לידער. מיס קראפארד וועט זינגען אין ענגליש, פראנצויזיש, דייטש און איטאליעניש. א ליד, וואס מען דערווארטעט זאל מאכען א פוראַרי הייסט: „האו לאנג וויל איט לעסט" ווי לאנג וועט עס דויערען), געשריבען פון מאקס ליעף און דזשאו מייערס.

קריטיש פארוואונדעט ביים ערשטען פאה

קוויבעק, נאוועמבער, 10.

די פרייד פון ערשטען שליטען-פאהר דעם ווינטער, האט זיך אויסגעלאזט זעהר טרויעריג פאר דעם אכט יאריגען רעימאנד גאן, וואס האט זיך מיט זיין שליטעלע אראפגעגליטשט פון א בערגעל אין א לויפענדען אויטאמאביל און האט געקראגען א צושמעטערטען שארבען.

ער ליגט אין האספיטאל אין א געפעהרליכען צושטאנד.

אומבאקאנטער מאן דער'הרג'עט פון צוג

אומבאקאנטער

גרימסביי, אנט. נאוועמבער, 10.

אין צוויי שעה נאכדעם ווי דער אינזשיניר פון סי. פי. אר. צוג פון טאראנטא קיין באפאלא האט געמאלדען אז ער האט איבערגעפאהרען א מאן א האלבען מייל פון סטיישאן, האט מען דעם צוקאליעטשעטען קערפער געפונען אין א גראבען ביים זייט פון די רעלסען.

אין זיינע קעשענעס האט מען געפונען א רינג, 185 דאלאר און ניין פעקלאך סיגארעטס. ניט ווייט פון איהם האט מען געפונען צוויי זעק, אבער מען ווייסט ניט צו זיי האבען באלאנגט צו איהם. ער איז געווען פיין געקליידעט אין עלטער פון ארום 40 יאהר.

אלע פרואוון צו דערגעהן, ווער ער איז געווען, זיינען ניט געלונגען.

אין מאניטאבא ווארים און אין קאלגארי שניי.

וויניפעג, נאוועמבער 10.

וועטער רעקארדס פון גאנץ מאניטאבא דערצעהלען וועגען א זעהר ווארימען נאוועמבער. שבת איז אין וויניפעג געווען דער ווארימסטער טאג פון נאוועמבער פאר א לאנגע צייט יארען, זינט וועטער רעקארדס זיינען געפיהרט געווארען.

אין קאלגארי איז שוין אבער ווינטער.

אביסעל פארקיהלט?

די ערשטע זאך, רייניגט דעם מאגען מיט

עקס-לאקס

(EX-LAX אין ענגליש)

דער בארימטער קענדי אפפיהר-מיטעל

ספעשעל! ספעשעל!

גרויסער סייל

— ביי דער —

קיעווער פארניטשור קא.

452 ספעדיינע עוו.

אייער גוט באקאנטער קיעווער, דזשיי. גערצביין, האט זיך לעצטע וואך אומגעקערט פון איינקויפען סחורה איבער די פעקטארים. ער האט נעקראגען פאר אייך די שעהנסטע בעדרום סעטס, טשעסטערפילד סעטס, דיינינג רום סעטס און קיטשען סעטס

פיעלע פון זיי זענען אמעריקאנער מוסטערן, וואס ווערען פארקויפט צו שטוינענדע פרייזען.

ספעשעל דיסקאונטס פאר קעש.

א וואונדער-שעהנע מתנה פ ר י י צו חתן כלה, וואס קויפען זייער פורניטשור ביי אונז.

עס איז דא בלויז איין קיעווער סטאר

KIEVER FURNITURE Co.

452 SPADINA AV. Phone TRinity 0706

אפען אין אווענט. קיינע ברענטשעס.

נייעס פון איבער גאנץ קאנאדע

מאניטאבא פלאנט צו באזעצען ארבייטסלאזע אויף פארמס

ווינניפעג, נאוועמבער, 10.

די מאניטאבא רעגיערונג האט נעכטען גוט־געהייסען די פלענער צו באזעצען 280 פאמיליעס אויף פארמס, אלס א הילפס מיטעל געגען ארבייטסלאזיגקייט.

דער פלאן מיט א פארשלאג, אז די דאמיניאן רעגיערונג זאל זיך באטייליגען און זאל אנפיהרען מיט'ן פלאן איז איבערגעשיקט געווארען קיין אטאווא.

דער פארשלאג הייסט דער פעדעראלער רעגיערונג צו באצאהלען 50 פראצענט פון די אויסגאבען, די פראווינץ זאל צושטעלען 25 פראצענט און די שטאדט פון וואנען די צוקונפטיגע קאלאניסטען ווערען גענומען זאל געבען די איבעריגע 25 פראצענט. ווי עס ווערט אפגעשאצט פון אויבען אויף, דארף דער גאנצער פראיעקט קאסטען 30 טויזענט דאלאר.

די פאמיליעס וועלען באזעצט ווערען אויף פארמס, עס וועט זיי געגעבען ווערען געלט אויף צו פארריכטען די געביידעס און צום לעבען אויף צוויי יאהר צייט און אויף איינצוקויפען פיה, געצייג און זריעה.

דייוויד שער און קא

באריסטערס א. א. וו.

געלט געליהען אויף מארגעדזשעס.

502־501 סענטראל בילדינג

45 ריטשמאנד סט. וועסט

טעלעפאן עלגין 7600

הרב מאיר צבי לעווי

וואוינונג איז יעצט

362 פאלמערסטאן

דאנסטעירו צווישען קאלעדזש און

אלסטער. טריניטי 3139.

די טיהרען זענען אפען פאר יעדען צו

אנטפערען אלע רבנישע ענינים.

קאסטימער, פעדלער און סטארקיפער

פון טאראנטא און קאונטרים קענען

באקומען די לייטעסט סטייל

קאוטס, דרעסעס

האלסייל

מיר מאכען אויך צו ארדער. צופרידענהייט גאראנטירט. קומט און איבערצייגט אייך.

SIMBROW'S

LADIES WEAR

478 קווין סטריט וועסט

טעלעפאן טריניטי 8324.

אונטערזוכט אייערע אויגען, און קריגט די ריכטיגע גלעזער. דער איינציגער ספעציאליסט, וועלכער איז אויטאריזירט פון גאווערנמענט אלס האבען זיך פאראייניגט צו מאכען א

אפטאמעטריסט

און אפטישען

דר. העגרי העררים

279 קאלעדזש סט.

(לעבען ספעדיינא)

עפען ביז 9 אוהר אין אווענט

Dr. Henry Harris

EYESIGHT SPECIALIST

Phone Trinity 6604

279 College St. near Spadina

Open until 9 p. m.

פארניכטעט!

אבסאלוט גאראנטירט

וואנצע, קאקראטשעס מילבען א. א. וו.

מיט הידרא סייאניק גאז און אנדערע מעטאדען.

אונטער דער אויפזיכט פון דער באארד אף העלט.

א סערוויס וואס שפארט אייך געלט

NATIONAL

EXTERMINATING

COMPANY

1 RUSHOLME RD. TORONTO

PHONE LOMBARD 3942

פיינטינג, פייפער הענגינג

מיר דעקארייטען אייערע רומס פאר 5 דאלאר א רום. מיט אונזערע פייפער. טעלעפאנירט גלייך: — לאמבארד 6951.

5־טער יערליכער

פאלקס פאראיין

באל

— דעם —

31־טען

דעצעמבער

ניי יאהר איוו.

— אין —

קאליסעאום

בילעטען צו 50 סענט

שוין צו באקומען ביי די פאלקס פאראיין טוער.

ארגאניזאציעס ווערען געבעטען ניט צו פארנעהמען דעם דאטום.

קאנגא

מעדיצינען

ליידט איהר פון עקזימא, הויט־קראנקהייט, דאן נוצט דעם וואונדערבארען זאלב קאנגא־סעוו. לייד איהר פון רהומאטיזם, שטייפע גלידער, רייבט זיך איין מיט קאנגא לינימענט. צו באקומען ביי סינגער ברידער (דראגיסטען) 26 קווין א. טעלעפאן עלגין 7512. מיר דעליווערען און שיקען ביי מעיל, אלס פריי.

SINGER BROS.

DRUGGISTS

26 QUEEN ST. EAST

TEL. ELGIN 7512

לליידט איר פון א ברוך?

(ראפטשורד)

א גוטע טראס און גוט צוגעפיט, באקומט איהר נאר ביי די סינגער ברידער, זיי זיינען די איינציגע אידישע אגענטען פון די גרעסטע טראס קאמפ.

סי, פערד און תבואה פארברענט אין מיסטעריעזען פייער

האמילטאן, נאוועמבער, 10.

איינע פון די פיינסטע מילך סטארדעס אין לאנד באשטעהענד פון 21 קיה, פון גרויסען יחוס און קוואליטעט, איז פארברענט געווארען לעצט נאכט אין אן אונדערקלעהרטען פייער פון שייער און שטאלען פון אלעקסאנדער [illegible] און הענאן, דער שאדען באטרעפט צווישען 15 און 20 טויזענט דאלאר. אויס[illegible] קיה זיינען פארברענט געווארען 3 [illegible] יאהריגע קעלבער, א פרייז אקס, [illegible] ווערטפולע פערד, א נייער תבואה בינדער, 900 בושעל תבואה, אויסגעדראשען מיט דריי וואכען צוריק און 100 טאן היי.

מען האט מורא, עס זאל ניט זיין א באנייטע פארזעצונג פון דער סעריע שרפות, וואס האבען דא געבושעוועט מיט צוויי וואכען צוריק, און אין וועלכע מען איז חושד געווען א פייער מאניאק.

מיט צוויי וואכען צוריק איז פארברענט געווארען אויף דעם זעלבען אונדערקלערבארען אופן א סטויג היי פון 10 טאן, וואס האט באלאנגט צו אלעקסאנדער קווינס א ברודער.

קאמוניסט איז אונטער קלאגע פון מארד פארזוך

ווינניפעג, נאוועמבער 10

דערפאר, ווייל ער זאל האבען באפאלען א פאליסמאן אין דער צייט פון א קאמוניסטישער דעמאנסטראציע פארגאנגענעם יוני איז מ. ביהון היינט דערשינען אין געריכט אויף א קלאגע פון מארד פארזוך.

ער ווערט באשולדיגט, אז ער זאל האבען דערלאנגט דעם פאליסמאן מיט זיין אייגענעם שטעקען דאן, ווען דער פאליסמאן איז שוין געלעגען א פארחלש'טער אויף דער ערד.

קערפער פון יונגער פרוי געפונען אין וואסער

טאראנטא, נאוועמבער, 10.

דער קערפער פון אן אונבאקאנטער און ביז יעצט נאך ניט דערקאנטער יונגער פרוי, פון ארום 20 יאהר אלט, איז געפונען געווארען שווימענדיג אין וואסער אין דע קיו פאלס, טאראלד טאונשיפ.

דער טשיעף אף פאליס, וואס האט היינט אנגעהויבען אן אויספארשונג, זאגט אז אויף'ן קערפער זיינען ניטא קיינע סמנים פון גוואלדטאט. עס זעהט אויס, אז דער קערפער איז אין וואסער א 10 טאג.

קיינע באזונדערע סמנים אדער פאפירען, וואס זאלען געבען די מעגליכקייט צו דערקאנען זי, האט מען אויף איהר ניט געפונען.

ניטא קיין סטרייקברעכער זאגט ריכטער אין געריכט

,,עס איז ניטא אזא זאך ווי א סטרייק־ברעכער'' האט קאונטי דזשאדזש ווידיפיעלד דערקלעהרט א. וו. ראבאב, קיי. סי., אין פארלויף פון א פאהער פון אן אנגריף־קלאגע וואס לואיס סילקינס האט ארייגעבראכט געגען זעקס יוניאן מעמבערס, אין קאונטי קרימינעל קאורט.

,,דער סטרייק־ברעכער איז איינפאך דער וואס וויל ארבייטען, בעת די אנדערע ווילען ניט'', האט דער ריכטער צוגעגעבן.

סילקינ'ס קלאגע לויטעט, אז די זעקס אנגעקלאגטע האבען איהם געשלאגען אין פארלויף פון א שניידער סטרייק, וואס איז פארגעקומען דעם 16־טען סעפטעמבער.

א לעווסאן

דער גוט באוואוסטער

פלאסטערער און קאנטראקטאר

צו אלע בילדערס אין טאראנטא. נעהמט אן דזשאבס. קיין דזשאב צו קליין אדער צו גרויס.

עסטימייטס פריי.

טעלעפאן טריניטי W 2357

124 מארקהאם סטריט

ארינא גארדענס

(עקזיבישאן)

פרייטאג, 13־טען נאוועמבער

8.30 נ. מ.

הויפט באוט ביז א פיניש

דע וויטא געגען **מאלצעוויטש**

סעמי פיינאל

ניק סקאטאס

געגען

פרעדי מייערס

דזשא. וואסעל

נעגען

וויהיטי היואיט

איוואן מיקאילאף

מעטשמייקער, ארענא אטלעטיק קלוב

טעל. ווייווערלי 1967.

פרייזען 60 סענט ביז $2.25

טעקס איינגעשלאסען.

פלעץ מודי'ס, שאולס, קינג עדווארד, ארינא.

רוסישע אידען אויפמערקזאם!

דער איינציגער ווירקליכער מיטעל ארויסצוהעלפען אייערע קרובים איז יעצט נאר צו שיקען פאר זיי אן אנווייזונג אויפ'ן —

,,טארגסין"

זיי קענען באקומען צו די ביליגסטע פרייזען **אלעס וואס זיי אליין ווילען און דארפען פון עסענווארג, קליידער, שיך און אזוי ווייטער.**

גריינער'ס שיפסקאנטאר

איז יעצט אויטאריזירט אנצונעהמען איבערווייזונגען אויף די ,,טארגסין" קראמען אין רוסלאנד

אייערע קרובים אין רוסלאנד וועלען יעצט באקומען א גאנצען קילאגראם צוקער פאר בלויז 40 קאפיקעס. א קילאגראם זייף פאר 1 רובעל 20 קאפיקעס א. ד. ג.

גריינער'ס שיפסקאנטאר פארקלענערט אייערע אויסגאבען און פארגרעסערט אייער הילף.

פאר ווייטערע אינפארמאציע וועגען פרייזען און סחורות אין די ,,טארגסין" קראמען, ווענדט זיך פערזענליך אדער שריפטליך צו: —

GRANER & CO.

265 Queen St. W. ADelaide 4785 Toronto

שיפסקארטען, געלט געשיקט, מארטגיידזשעס, בירגער פאפירען, איבערזעצונגען.

פייפער הענגערס אויפמערקזאם!

א 1932 סעמפעל בוך פון

וואלפייפער קענט איהר גלייך באקומען ביי

Toronto Paint Co. 616 Yonge St. Kingsdale 2337

איהר פארדיענט פון אונזערע געשניטענע פרייזען

אייער סוט אדער אווערקאוט דריי־געקלינט און געפרעסט פאר — - **65 ס.**

לײדיס פאר געטרימטע קאוטס 90 סענט. דרעסעס אלערליי — $1.00 העטס געקלינט און געבלאקט 50 סענט. מיר ווילען אייך צופרידענשטעלען. מיר קומען נעהמען און דעליווערען.

YORKSHIRE CLEANERS

252½ קווין סטריט, וועסט טעלעפאן עלגין 3894

גאלדענבערג'ס כשר רעסטאראנט

באזונדערע פלעצער פאר

- מילכיגס און פליישיגס -

די אמת'ע כ ש ר ה סיסטעם

עקזיסטירט זינט 1908.

275־273 ספעדיינע עווענו. טעלעפאן טריניטי 0444.

אין הארץ פון אידישען געגענד

CRANGLE'S GARAGE

474 COLLEGE ST. TRINITY 3868

מיר פיקסען צופרידענשטעלענד קארס פון יעדען סארט און מאדעל. פאר וועלווס גריינינג $4.00. ברייקס רילייניגג $3.00 פער וויעל.

גוטע בעטערי סערוויס און קאר וואשינג. טאהינג פריי. פאנט אונז אפ פאר א פרייז אויף אייער ריפעיר דזשאב.

נוצט אויס די געלעגענהייט!

גאראנטירטע פארזיכטיגע

קלינינג און פרעסינג

פאר וועלכע איהר דארפט געוויינליך צאהלען $1.50, קריגט איהר יעצט ביי אונז פאר בלויז — — — — — — —

75 סענט

מענס קלינינג: — סוטס 75ס.; ספרינג קאוטס 75ס.; פעלט העטס 59ס. פענטס 40ס.

פרעסינג: — סוטס 40ס.; ספרינג קאוטס 40ס.; פענטס 25ס.

לײדיס קלינינג: — קאוטס 75ס.; סוטס 75ס.; דרעסעס (דזשורזי אדער קלאטה) 75ס.; סילק דרעסעס $1.00. העטס (געקלינט און געבלאקט) 59ס.

מיר קומען נעהמען און ברענגען אפ אין צייט.

DAWSON THE CLEANER

568 טשורטש סטריט

טעלעפאן קינגסדייל 2517

סילווערמאן, אייגענטימער.

STANDARD THEATRE

I. AXLER, GEN. MGR. W. GOLDFADEN, DIRECTOR ABE COGUT, COMPANY MGR.

TELEPHONE: TRINITY 4310

פרייזען 35ס. 50ס. 75ס. און $1.00

אב. קאגוט פרעזענטירט די גרויסע קינסטלער קא.

י. דובינסקי, וו. גאלדפאדען, ר. זשעלאזא

אנא טייטעלבוים, אסתר פיעלד, בעקי לעש, סטעלא שולמאן, יצחק ליפינסקי, סימאן קראסנאוו, הייםאן ראפאפארט, נחמיה טאוויס און אליקס אמאסיא.

היינט אווענט דעם 11־טען נאוועמבער

לײדיס פריי 2 פאר 1

אונזער נייע שיינע אפערעטע

לעבעדיג און פרייליך

צוליעב טעכנישע אורזאכען זענען מיר געצוואונגען אפצולייגען פאר א קורצער צייט ,,סטעמפעניו" און מיר פיהרען אויף פאר דעם

פרייטאג אווענט שבת ביטאג און אווענט

13־טען און 14־טען נאוועמבער

צום ערשטען מאל אין טאראנטא!

איר החתונה נאכט

קאמעדיע־דראמע מיט געזאנג

אויפגעפיהרט פון וו. גאלדפאדען.

איר קענט אויך

האבען מאדערנע באקוועמליכקייט און ווארימקייט אין אייער היים היינטיגען ווינטער, אויטאמאטיש קאנטראלירט און שפארען געלט אויף קוילען.

שאפט זיך איין דעם בארימטען

,,וועלש בלאוער"

פאר אייער פורנעס

רופט אפ טריניטי 2436.

וויכטיג: — אונזער סערוויס און ריפייר דעפארטמענט איז איצט גרייט צו פיקסען אלערליי בלאוערס, גרייטס און אזוי ווייטער.



Welsh Blower & Stoker Co.

BANK OF NOVA SCOTIA BLDG.

Dundas & Spadina Trinity 2436

דער ,,וועלש בלאוער" צאלט פאר זיך אליין

HARRY I. ROTENBERG

באריסטער, סאליסיטאר און נאטארי פאבליק.

געלט געליהען אויף ערשטע און צווייטע מארטגיידזשעס.

סאוט 903 סענטראל בילדינג, 45 ריטשמאנד סט. וועסט

אפיס: עלגין 3028. רעזידענץ: מידוויי 3880.

לאיערס גלעס און דיקלער

— פון —

GLASS - DICKLER & CO.

501 דאמיניאן בילדינג, 465 בעי סט.

אפיס טעלעפאן: עדעלייד 1168 — 1169

אלגעמיינע, ציווילע און קרימינעלע לאו־פראקטיק.

געלט געליהען און אינוועסטירט אויף מארטגעדזשעס.

אפיס טעלעפאן: עלגין 1619

נאך אפיס שטונדען: טריניטי 1446.

לאיער

ה. ס. מאנדעל

— פון —

גודמאן און מאנדעל

באריסטערס, סאליסיטארס א. או. וו.

רומס 40—41 אימפיריאל באנק בילדינג 171 יאנג סטריט

אפיס:

45 ריטשמאנד סט. וועסט

705 סענטראל בילדינג.

אפיס טעלעפאן:

ווייווערלי 2211

הויז טעלעפאן קינגסדייל 3419.

לאיער ב. ווינבערג ב.א.

באריסטער, סאליסיטאר, נאטערי פאבליק

נעלט צו לייען אויף מארגיידזשעס.

מארגיידזשעס געקויפט.